„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מאַרריס מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

ירושלים
לידער פּאָעמעס באַלאַדעס
אַ בוך פון 140 זייטן
פון
א. נ. שטענצל
צו באַקומען
אין אַלע בוכהאַנדלונגען
אין ווייטשעפּל
פּרייז: 7 שילינג און 6 פּענס

פּראָפּאַגאַנדע-קאָמיטעט
פון דעם
אַרבעטער-רינג
22, עלי סטריט, אָלדגייט, א.1.
יעדן דאָנערשטיק 7.30 אָוונט
און
יעדן זונטיק 5.30 נאָכמיטיק
קומען פאָר
אינטערעסאַנטע באַלערנדיקע
רעפעראַטן לעקציעס
איבער וויכטיקע קולטורעלע פּאָליטישע
ליטעראַרישע און אַלגעמיינע ענינים
וועגן אַלע איינצלהייטן זיך צו ווענדן
צום גענעראַל-סעקרעטאַר:
ווער אַ מיטגליד פון אַרבעטער רינג

די סוף־חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"
זונטיק 27־טן מערץ 8 אָוונט
אין לאָקאַל פון
„בן-אורי" קונסט גאַלעריע
14 פּאָרטמען סטריט וו.1
משל און סאַטירע אין דער
יינגער יידישער ליטעראַטור
עס וועלן זיך באַטייליקן מיט רעציטאַ־
ציעס און רעדעס:
איזיק גאָלדבערג, י. ביעטש, אליהו פּאַ־
לושאַק, נעט רובין און דאָראַ דימאַנט
אַריינפיר וואָרט — א. נ. שטענצל
איינטריט פריי פאַר מיטגלידער!
1 שילינג פאַר נישט מיטגלידער
זיסע טיי און צובייסן



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St, London, E.1*




# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.


נומער 4 (העפט 111) צענטער יאָרגאַנג אַפּריל 1949 לאָנדאָן



רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


### אינהאַלט:


ערב פסח שנת ת.ש.ג., די באַלאַדע פון לעצטן פּיסטויל. צום טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד........ ** 1
די כנסת ישראל באַוויינט די 6,000,000 — מנורה פון משה עובד 5
בדמיך חיי! (פראַגמענט פון אַ פּאָעמע פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד)........ אברהם פנחס ציקערט 6
ארץ ישראל פּאַנאָראַמע. (נאָטיצן פון אַ רייזע)....דר. יעקב י. מיטליס 7
טונקלע טעג (דערציילונג)........א. מ. פוקס 11
מוז קומען צו אַ פאַרפרעמדונג צווישן מלוכה און גלות (עסיי)........לעאָ קעניג 15
נומיאל, דער מלאך פון שלאָף (ליד)........משה עובד 19
דער הויקער (דערציילונג)........ביטריס בעקערמאַן 21
ערב פרילינג סאָנעטן........א. נ. שטענצל 27
היינריך גרעטץ און די יידישע געשיכטשרייבונג....פּראָפ. משה שאָר 31
מיניסטער ר' איטשע מאיר........שבתי שענפעלד 35
אַ סדר־אָוונט מיט דר. הערצל........מאיר טויבנהויז 38
לכבוד פסח (פאָלקלאָר)........יחזקאל נח ערלעכמאַן 40
אין אייראָפּע און ביי אונז אונטערן אויוון (צו דער 34־טער יאָרצייט פון י. ל. פּרץ)........אליהו פּאַלושאַק 45
די נייע „געפאַר" פאַר מדינת ישראל — יידיש........הערש שישלער 48
אימפּאָזאַנטע פייערונג (לכבוד דעם צענטן יאָרגאַנג פון „לשון און לעבן")........י. ביעטש 50
צו בן־א. סאָכאַטשעווסקי'ס 60 יאָריקן יובילײ........י. ה. לעווי 52
לכבוד דעם בעל יובל נייטן ביטלער........ס. פּאַלמע 57
דער יידישער וואַנדערער (ליד)........איזיק גאָלדבערג 59
די דיכטערין חוה ראָזענפאַרב (בילד)........ 61
גיכער אין עקאָנאָמישע דערפאַרונג........ש. 62
די יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס........ 64


## פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים


אַבאָנענטס־פּרייז:—19/6 פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר אַ יאָר
1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן א.1.

## פריינט פון יידיש לשון און דער ארבעטער רינג

### יזכור אוונט
### ווארשעווער געטא-אויפשטאנד

לזכרון פון די העלדן און קדושים פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד ארדנען איין „פריינט פון יידיש לשון“ און דער ארבעטער רינג **א פייערלעכן אוונט, מאנטאג,** דעם 18־טן **אפריל,** אום 7.30 אוונט, אין ארבעטער רינג, עלי סטריט, א.1. גאטירט דעם דאטום און קומט אין מאסן.

### אונזער מיטגעפיל

מיר דריקן אויס אונזער צער צום טויט פון פראפעסאר י. קוטשינסקי (געשטארבן אין קאנאדע) לאנג יעריקער מוזיק־לערער אין דער געוועזענער יידיש וועלטלעכער שול ביים ארבעטער רינג אין לאנדאן.

פריינט פון יידיש לשון

### וויכטיק פאר אלע וואס פארשטייען יידיש
### יידישע ראדיא-אודיציעס אין ווארשע

זונטיק, דינסטיק, דאנערשטיק און שבת קענט איר הערן יידיש ראדיא 22.10 א זייגער מיטל־אייראפייאישע צייט פון דער ראדיא־סטאציע „ווארשע 3“ אויף דער כוואליע 48.25.

### צו אונדזערע אבאנענטן, לייענער און פריינט

די חשובע חברים, לייענער און אבאנענטן דארפן זיך באמיען צו פאראינטערעסירן נייע לייענער פון „לשון און לעבן“. העלפן פארשפרייטן דעם זשורנאל!

**און אויב מ׳שיקט אייך צו נאך דריי חדשים דעם מאנבריוו, שיקט תיכף צו פארן גאנצן יאר פאראויס, ווייל מיר זיינען זייער געענגט אין געלט.**

אין אלע ענינים, אנפראגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף די פאלגנדיקע אדרעס:

E. Paluszak, 64 Lauriston Road, Hackney, London, E.9.

**שיקט באגריסונגען פאר א ספעציעלן ישראל-נומער פאר „לשון און לעבן“ פון חודש-מאי בכדי דער נומער זאל קאנען ארויסקומען גרעסער און שענער**

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 4 (העפט 111) צענטער יארגאנג אפריל 1949 לאנדאן

## ערב פסח שנת ת.ש.ג

דעם ערב פסח פון ת.ש.ג., דעם 19־טן אפריל אין 1943 פון דעם קאנען מיר זיך אצינד, מיט מענטשלעכע השגות, קיין שום באגריף נישט מאכן. אפילו פאר יענע איינציקע איבערגעבליבענע, וועלכע האבן עס „מיטדערלעבט“, פאר זיי איז עס,מסתמא, אן אפאקאליפטישער וויזיע־קאשמאר פון אנדערע עולמות, פון העכערע וועלטן.

דער ווארשעווער געטא־אויפשטאנד וועט בלייבן אין אונזער פאלקס־פאנטאזיע דער ברענפונקט ארום וועלכן אונזערע כאאטישע שטימונגען און פליענדיקע רעיונות וועלן קרייזנדיק ארום שוועבן, ווי שטערן ארום א זון. די שפרודלדיקע קוואל וועט יענע געשעעניש ווערן פון ווו אונזער הערלאישקייט וועט ציען חיונה.

יענע געשעעניש ערב פסח ת.ש.ג. איז אן אקומילאציע־פונקט גאלוואניזירט אין אונזערע גליווער־בלוט און צעשטערונג, ווו ניי לעבן ווערט געבוירן פון טויט און אויפלעזונג.

וועלכער מוח קען דען משיג זיין דעם חורבן אונזערן, וועלכעס הארץ זיך ארייגלעבן אין דעם גרויליקן, וואס איז געשען — מיר גייען ארום ווי אבלים, ווי לונאטיקער ארום די געדאנקן, ארום די געפילן פון אונזער אומגליק! בלויז דאס פאנטאזירן זיך אין זיי איז שוין שווינדלדיקער תהום — — עס איז דאס געזעץ פון די נאטור, ווו זי האט זיך געזעצט א ציל, ביז דא אהער און נישט ווייטער — — ווייטער איז משוגעת, ווייטער איז דער טויט! טא וועלכע געהירן קאנען זיך פארשטעלן, קאנען פאנטאזירן די טויזנטפאך געכפלטע אקומילאציע ענערגיע, וועלכע ווערט געבוירן פון אזא געוואלטיקע צושטערונג?

די באהאלטענע אויפגעשפארטע ענערגיע פון דור דורות, פון טויזנט יאר פויליש־יידיש שעפעריש לעבן, די עמאציעס, די שיינקייט, דער התלהבות, דער געוואלטיקער לעבנס ווילן — — — — — — — — — — — — — — —

קאן מען זיך דען פארשטעלן צומאל א פשוטן ערב פסח פון א גאנץ יאר פון אונזערע יארן, אן ערב פסח אין א ווארשעווער הויף פארן געטא, פארן אומגליק? איין ערב פסח אין איין הויף, אין אן ארעמען ווארשעווער הויף — די קינדלעכע שטראליקע פרייד, די צעפלאסענע באוועגונג, די אנגעצויגענע ענערגיע, ס׳רחבות׳דיקע שוימען און ברויזן פון אלט און יינג, פון קינד און קייט.

א ווארשעווער הויף ערב פסח מיט רוימען און שייערן, מיט כלים־כשרן, מיט חמץ־ברענען און גליאיען פייערן, מיט צוגעברענטן ריח פון מצות און פרישע קויבערס, צעפינקלטע מיט כלים טובלען און געצוואגענע קינדער יום־

טובדיק אַנגעטוענע שפּילנדיקע אין ניס — — די פאַרביקע פרייד, די פינקל־דיקע באַוועגלעכקייט פון אַזאַ איין הויף אין וואַרשע אין ערב פּסח ווער קאָן זיך נאָך פאַרשטעלן ?

און דאַ אין איין ערב פּסח, אין אַ לעצטן, די גאַנצע קהילה הקדושה וואַרשע, מיט אַלע אירע יידישע הייף, צענדליקער, הונדערטער, טויזנטער ; מיט דער ענערגיע פון טויזנט יאָר גאונות און שעפערישקייט מיט הו־הא און טומל פון סוחרישן האַזאַרד און האַראַפּאַשנעם ראַזמאַך פון אַרבעט און מי — גאַנץ יידיש וואַרשע אין ברענענדיקע ראַיענדיקע קופּע פון טויט און צע־שטערונג — וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד ! !

עס איז געניאַלער משוגעת־אויסברוך, אַן אומבאַהאַלפנקייט, וועלכע שטייגט איבער יעדע מאַכט, וואָס רייסט אויף אַלע צוימען; אַ פרילינג גע־וויסער וואָס גייט אין קריעס און רייסט אוף אַלע דאַמבעס — — אַ גאַנץ פאָלק האָט זיך געוואָרפן אונטער די רעדער פון דער פּרעציזער דייטשער מאָרד־מאַשין זיי צו האַמעווען אין גאַנג ! !

אינם וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד איז דער שטאָלץ פונם פרייסישן אָפי־ציר געבראָכן געוואָרן ! אַז יידישע בחורים און מיידלעך, דעקלאַסירטע, ענט־מענטשלעכע נאָך לאַנגע יאָרן דערנידרקונג און פאַרשקלאַפונג אויסגעפייניקטע און פאַרהונגערטע ! — מאַכן זיך האַרץ און באַקומען מוט אַ קייגנצוגיין מיט רעוואָלווערס אין די הענט, מיט מאָלאָטאָוו־פלאַשן אונטער די פאַכוועס קייגן אַ מאָטאָריזירטע געפּאַנצערטע אַרמיי מיט טאַנקס און באָמבערס, ווערט דער נאַצי־רוצח אַ קריכנדיקער הונט מיטן עק צווישן די פיס.

עס איז געווען די אויסשטראַלונג פון יענעם איבערמענטשלעכן־אומבאַ־האָלפענעם, פון יענעם איבערוועלטיקן כוח, וואָס האָט ערשט די אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע פעלקער פאַרשעמט אין זייער געמאַכטן אומאַכט, און זיי גע־מאַכט איבער גיין אין אָפּנסיווע ; עס איז געווען איניקע טעג נאָך זיגלבוימס „פּראָטעסט” דאָ אין לאָנדאָן, ווען די פאַראייניקטע האָבן זיך גענומען ערשט מיט אַן אמת צו באָמבאַדירן ריינלאַנד־וועסטפאַלן, דאָס וופּערטאַל אין די רור געביטן — דאָס צעשטערן די מלחמה־מאַשין דייטשלאַנד און באַפרייען די וועלט פון ווייטערע גרויליקע אכזריותן !

און זיי זיינען עס געווען, יענע געציילטע איבערגעבליבענע פּליטים, ברע־נענדיקע לייבן מיט די פלאַמען נאָך אין זייערע גריוועס; אויף די פליגלען פון די ווינטן זיך ריסנדיק קיין ישראל ; די אויסשטראַלונג פון יענעם אומבאַ־האָלפענעם איבער־וועלטיקן מוט איז וואָס האָט דאָס לאַנד ישראל באַפרייט מיט פּיסטויל אין הענט און מיט מאָלאָטאָוו־פלאַשן אונטער פאַכוועס —

דער ערב פּסח ת.ש.ג. דער י.ג. ניסן־טאָג אין וואַרשע איז דער המשך פון בר כוכבא, פון די שטאָט ביתר, דאָס ברענענדיקע וואַרשאַווער געטאָ איז דער המשך פון לג בעומר, פון די פלאַמען אין מירון, פּונקט ווי ישראל גבורים פונם באַפרייטן ישראל איז דער הייליקער המשך פון די קדושים העלדן אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.



## די באַלאַדע פון לעצטן פּיסטויל

(דעם אָנדענקן פון מרדכי אַניעליעוויטש דעם קאָמאַנדיר פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד)

אַן איינציקע פּיסטויל נאָך האָבן זיי געהאַט.
צוגיין מיט איר אַצינד קייגן טאַנק און האַרמאַט.
און בסך־הכל נאָך אַן איינאיינציקע קויל,
אָנצולאָדענען אויסגעליידיקטן פּיסטויל.

דרויסן אַרום בונקער שטייט אַ רוצחים־אַרמיי,
זייערע טשאַטעס הינט טשאַטעווען שוין נאָך זיי;
העלפט אַצינד נישט מער קיין יאָ און קיין ניין,
מען מוז אַרויס דעם שונא מקבל־פּנים זיין.

אָ, די איינציקע קויל, זי געלאָזן פאַר זיך,
און אַ פולער בונקער דאָ, און האַנדלען מ׳מוז גיך — —
שוין הערט מען פון אויבן פון די רוצחים דאָס קול,
און געשען מוז אין דער מינוט וואָס געשען זאָל.

אַלע זיינען זיי גרייט און זיי ווייסן צו וואָס !
אָבער צי זאָל אין ניוועץ גיין דער לעצטער שאָס ?
און זאָל זאַק־רויב ווערן פאַרן שונא, פּיסטויל,
באַצאָלטער מיט שטיקל ברויט אָפּגעשפּאָרט פון מויל ?

שוין הערט מען גאַנץ נאָנט דאָס בילן פון די שפּיר־הינט !
עפּעס מוז געשען אַצינד און איילִיק געשווינד — —
איין אויגנבליק פאַרצויגן און זיין ס׳קאָן צו שפּעט,
ס׳איז וויכטיקער איצט ווי ס׳לעצטע ווידוי־געבעט — —

און ווי די פּרויען, וואָס רייסן צירונג פון זיך,
אַז דער פיינט זאָל נישט קריגן, באַגראָבנס זיי גיך,
באַגראָבט ער דעם פּיסטויל פלינק אונטער זיינע פיס,
און ווי דער קאָמאַנדיר געגעבן באַפעל : שיס — — — — — — — — — —

אויף אַ האָר די מערדער, אויסגעפירט דעם באַפעל !
און אַרומשנאָרנדיק נאָך געווער און יוועל,
די מתים פון די מיילער ווי רייסן די ציין —
אפשר וועלן גאָלד־טראָפּעען דאָרטן כאַטש זיין — — —

האָט ער גוססדיק אין דער צורה זיי געלאַכט:
פאַר אייך דער לעצטער שאָס גוט ליגט ער דאָ באַוואַכט,
נישט אין ניוועץ, חלילה, גיין וועט אַזאַ קויל,
באַצאָלטע מיט שטיקל ברויט אָפּגעשפּאָרט פון מויל.

# צום טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד

ניִשט אין גסיסה־צאַפּל מיט שוים אויף ליפּן,
מיט שטאַרבנדיקן „שמע ישראל אדוני — — —"
אַלע רמ"ח־אברים אין איין חוש פאַרקנוילט,
אַלע ווערטער — אין איין איינציקן געוואַי:
נקמה — — —

פון וויסטן טויט אַרויס, פון ווילדע חורבות,
פון אַרבע מיתות אַלע, פון פינסטערן כאַאָס,
מיט בלוט, מיט זידיקן, מיט פאַרקוילטן לייב,
געשריבן די פיר אותיות אות נאָך אות:
נקמה — — —

ווי דער שם המפורש פון אַרבע אותיות,
פונם כהן גדול אין הייליקסטן אָרט,
מיט גליוויקע ליפּן אין פלאַמען פלאַקער,
פיר אותיות אויסגעשמידט אין איינציק וואָרט:
נקמה!

איבער די זעקס מיליאָנען, די געקוילעטע,
צו באַווייזן ווי שלעכט דער מענטש קאָן זיין,
זיינען פון וואַרשעווער געטאָ די העלדן,
דער באַווייז אַז מיר קענען נישט אונטערגיין:
נקמה!!

אויף אַלע פיר די ווילדסטע חיה אין וואַלד — —
אויפן בויך די גיפטיק קריכנדיקע שלאַנג — —
אַז מיט זיין בייזקייט ס'שטייגט זיי איבער דער מענטש,
איז דאָך דער איינציק שטאָלצער צבאות געזאַנג:
נקמה — — —

יאָ, קילאָמעטער־לאַנג אַ געטאָ־וואַנט
פאַר זעקס הונדערט טויזנט איז נויטיק געווען,
פלאַץ ס'זאָל זיין פאַר געוואַלטיקן מנא תקל,
אַז אַלע מענטשן זאָל אים קאָנען דערזען:
נקמה — — —

ביי גאָט איז מחילה, ביי אים אַליין נאָר!
און ביז פול ווערן ס'וועט גאַנצע וועלט מיט גאָט,
איז אונזער געאייביקטער „שמע ישראל
אדוני אלהנו אדוני אחד":
נקמה...





משה עובד'ס „די כנסת־ישראל באַוויינט די 6.000.000"

משה עובד, וועלכער האָט אין די לעצטע 2־3 יאָר זיך אַריינגעוואָרפן אינטענסיוו אין פּלאַסטישע סקולפּטור אַרבעט און מיט אַ געוויסן דערפאָלג, האָט אויך געפאָרמט אַ צאָל 6 רעריקע לייכטער און מנורות אין מיסטיש מעטרישע פאָרמען און אין סימבאָליש פּלאַסטישע געשטאַלטן צום זכר פון די 6 מיליאָן געפאַלענע קדושים. צום 6־טן יאָרצייט פונם וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד דעם 19־טן אַפּריל דרוקן מיר די רעפּראָדוקציע פון זיין לייכטער מיטן נאָמען „די כנסת ישראל באַוויינט די 6.000.000".

## אברהם פנחס ציקערט (מעלבורן)

### ברמייך חיי!

(פראַגמענט פון אַ פּאָעמע פון וואַרשעווער אויפשטאַנד)

פאַרקוילטע מעת לעתן ווי שוואַרצע געשפענסטער, קריכן אַרום איבער חורבות, ווי שפּינען,

און פרעסן דעם מאַרך פון מוחות צעשפּריצטע, לעקן דאָס בלוט וואָס אויף שטיינער צערינען;

פאַרשאָטענע גאַסן — ווי עדות אין שטומקייט און קעלערס באַשלאָגן מיט פינסטער —

ווי בלינדע חלומ׳ען אויס זייער שטיינערנעם חלום פון טאַטעס מאַמעס פון אַלטע און קינדער.

וואָס האָבן אויף פייער געענטפערט מיט פייער, ווען ס׳האָט זיך דער שטאָם פונם לעבן געבראָכן

און האָבן פאַרוואַנדלט די שעה׳ן פון אומקום אין אַ צאַרן, וואָס ברענט מיט אַן אייביק־נצחון,

וואָס רופט, ווי אַמאָל דער דאָרן אין מדבר: „טו אויס דיינע שיך ווען ווילסט דאָ געגענען".

אַ דער אָרט איז געהייליקט מיט אונזערע טריט, די שטויבעלעך ואמד דאָ גע־לייטערטע זענען!

חלומען חורבות אַ שטיינערנעם חלום אין רויִיק געוועב וואָס קנוילט זיך אין לופט,

אַז ווידער וועט ס׳געטאָ צום שטורעם דערוואַכן, און וועט זיך צעשרייען מיט אַ מעכטיקן רוף.

* * *

פון מאַרמאָר און בראָנז אין אַ שטילקייט פאַרקאָוועט, שפּאַרט זיך צו וואָלקנס אַ שטיין מאָנומענט.

וואָס וועקט זיך ביינאַכט פונם שלאָף און נעמט רופן: „פאַרמאַטערטער קעמפער, דאָס געטאָ נאָך ברענט!"

קלינגט טויזנט קול׳איק אַקעגן אַן ענטפער: „דו האָסט אונז גערופן, מיר לעבן און הערן...."

און אַנעמען זיך ציגל אין ציטער באַוועגן, גלייך ס׳וואָלט אַ גייסט זיי צום לעבן באַשווערן,

און ס׳קריכן פון לעכער געשטאַלטן ווי שאָטנס, פאַרבלוטיקט, פאַראייטערט די קערפּערס פול נאַרבן,

און ס׳קלינגט ווי אַ דונער אין וואַלד צווישן בוימער: „דאָס יידישע וואַרשע וועט קיינמאָל ניט שטאַרבן!"

און ס׳קריכן פון לעכער געשטאַלטן מיליאָנען, קומען ביינאַכט אויפן שלאַכט־פעלד צו זאַמען,



רייסן די הערצער אַרויס פון די ברוסטן און שפּריצן דאָס בלוט אויף צעוויל־דעטע פלאַמען;

וואַקסט אויס אויף באַנאַכטיקן הימל אַ העלקייט, אַ גאָלדענע שורה געשריבן אין בויגן;

„וויל איז די מאַמעס אין שעה׳ן פון שטאַרבן וואָס האָבן אַזעלכע קינדער דערצויגן".

פאַלן די פלאַמען און ווערן פאַרלאָשן און ווינט נעמט די רויִיקע קנוילן צעטראָגן,

בלייבן די מויערן פאַרשוואַרצטע פון שרפה, שטאַרן געלעכערט אַקעגן פאַרטאָגן,

פאַרשווינדן די קעמפער צוריק אין די בונקערס, שטיל ליגן ציגל פון צע־פאַלענע ווענט,

פאַרהילט זיך דאָס בראָנז און דער מאַרמאָר אין שוימען און ווערט פאַר־גליווערט — — — צוריק מאָנומענט....

---

## דר. יעקב י. מייטליס

### ארץ ישראל פּאנאראמא

(נאָטיצן פון אַ רייזע)

1. אין עראָפּלאַן פון געגנף.

אַ דיקע דעק פון וואָלקענעס אונטער אונדז.

מיר שטייגן, דערהויבן זיך אַלץ העכער און העכער. באַלד קוקן אַפּויער צו אונדז פון אונטער דער וואָלקן־וואַנד מעכטיקע באַרג־שפּיצן. איבער אונדז די זון, אַ צעגאָסענע אין דער בלויער ליכטיקייט און אייביקער שטילקייט.

עס איז אַן אומפאַרגעסלעכע פּאַנאָראַמאַ. די ווייסע הדרת׳דיקע אַלפּן־בערג מיט די איינגעשניטענע טאָלן און ווילדע שלוכטן ליגן צופוסנס. פון אויבן שיינט אַ זון אַ פרישע, אַ ליכטיקע, ווי נאָך דער בריאה. ווויליינגעריש־שטי־פעריש לאַכט פון אונטן אַרויף אַ טיפער אַפּגרונט.

ווי מעכטיק, ווי התגלות׳דיק איז די נאַטור. דאָס הארץ, פול מיט באַוווּנ־דערונג און ערפאַרכט, אימה און הדוש, קאָרטשעט זיך, נישט קענענדיק תופס זיין די אין־סוף׳דיקע ליכטיקייט און שיינקייט. די ווייסע באַרג־קעפּ שיינען אין דער גאָלדענער זון און גלאַנצן אין איר ליכט. די הויכקייט איז מאַיעסטעטיש־שווינדלנדיק.

איבער ניצאָ איז דער אויסקוק אויף דער זון־באַגאָסענער יצירה אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער. די מעכטיקע קייט פון די שטאָלצע אַלפּן־בערג ליגט הינטער דיר, פאַר דיר דער צעגאָסענער לאַזור־בלויער ים און פון אונטן די צעבראָס־טעטע, רחבות׳דיקע שטאָט מיט אירע פּאַלאַצן, בולוואַרן און גערטענער.

* * * * *

די נאַכט צוגעבראַכט אין רוים. אַזויפיל רחבות׳דיקייט, סימעטריק און שיינקייט קאָנצענטרירט אויף איין אָרט, אַז דאָס אויג קען דאָס אַלץ אין דער קורצער צייט נישט באַנעמען.

די חורבות־מאָנומענטן פון דעם אַמאָליקן ריזיקן קאָלאָסעאום, פון די פאַרשיידענע פאָרום׳ס, פון דעם פּאַלאַטין זיינען שטומע אָבער גבורה׳דיקע עדות פון אלטער גרויסקייט, רייכקייט און וועלט־הארשאַפט.

ווי אַ סימבאָל פון דערנידעריקונג פון דער „יודעאַ קאַפּטאַ" (דער באַזיגטער יהודה) שטייט דער מעכטיקער טריומף־בויגן, וואָס דאָס שטאָלצע, שטאַרקע רוים האָט אויפגעשטעלט טיטוס׳ן נאָך זיין בלוטיקן נצחון איבער יהודה. קנאַפּע ניינצען הונדערט יאָר האָט דער דענקמאָל פון שטיין עדות געזאָגט פון דער אָנמעכטיקייט און שפלות פון יידישן פאָלק. איז עס נישט סימבאָליש, וואָס היינט שטיי איך אונטער דעם טיטוס־בויגן און מאָרגן וועלן שוין מיינע פיס טרעטן אויף דער באַפרייטער יידישער ערד? עס איז אָפט נאָר אַ קורצער שפרונג פון אונטערדריקונג צו פרייהייט, פון קנעכטשאַפט צו גאולה, פון פאַרצווייפלונג צו האָפנונג, פון יסורים צו פרייד.

* * * * *

## 2. אין לאַנד.

אַ מעכטיק געפיל פון אַ נייעם „ווערן", פון דינאַמישער שאַפערישקייט נעמט דיך אַרום. אַלץ איז ניי, אַלץ איז אָנהויב, אַלץ איז מעשה־בראשית׳דיק. וואָס פאַר אַ פערספּעקטיוון זיינען פאַראַן, עס פאַרכאַפּט ממש דעם אָטעם!

עס איז דער געטומעל פון אויפבוי, דער שטורעם פון באַגינען, דער אימפּעט פון יוגנט. עס איז יוגנט, וואָס שטורעמט פאַרויס, ראַנגלט זיך, שלאָגט זיך מיטן ביטערן גורל און זיגט. פלאַמען טאַקע די אויגן מיט שטאָלץ, איז דאָס האַרץ פול מיט בטחון און זעלבסטזיכערקייט.

טראָגט די דאָזיקע יוגנט אויס אויף אירע פּלייצעס זיבעט יאָרן דעם ביטערן, פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר באַפרייאונג. זייערע טאַטעס האָבן מיט אַ דור־צוויי צוריק זיך געלאָזט אויף דעם שווערן און ווילדן וועג פון באַנייען זיך אין דאָס לאַנד. איז דער זווג עולה יפה געווען, פאַרמעסט זיך די היינטיקע א״י־יוגנט, די שטאָלצע, זעלבסט־באַוווסטע און נישט־געבראָכענע, צו באַפרייען דאָס גאַנצע פאָלק, די פאַרבליבענע רעשטלעך נאָך דער גרויסער שריפה און צוזאַמען מיט זיי בויען די פאָלק־גאַנצקייט.

זיינען טאַקע אומצאָליק און פילפאַכיק די עקידות, וואָס דער יונגער ישוב אין ארץ ישראל האָט געבויט. אָבער אויף די דאָזיקע בלוטיקע עקידות, ווי אויף דער מאַרטיראָלאָגיע פון גאַנצן פאָלק אין די לעצטע יאָרן פון וועלטפינצטערקייט בויט זיך אויף די היינטיקע לעבעדיקע עדה, די דינאַמישע יידישע מדינה.

איז אָבער דער באַרג־אַרויף פון גאולה תמיד אַ שווערער. מען שאַפט נישט קיין לאַנד, מען פאַרפלאַנצט נישט קיין פאָלק (און נאָך וואָס פאַר אַ פאָלק, מיט אַזויפיל אינדיווידואַליטעט, מיט אַזויפיל נוסחאות און טאַקע אַזויפיל צרות!)



איבער נאַכט אויף אַ נייעם באָדן. זיינען טאַקע וויניק ניסים אין די לעצטע ניין חדשים געשען? האָט דער דיסציפּלינירטער, שווער־אַרבעטנדיקער ישוב נישט באַוויזן, אַז דאָס אוממעגלעכסטע קען ווערן מעגלעך?

זיינען טאַקע די פּראָבלעמען פון אויפבוי, פון אויספאָרעמונג, פון קאָנסאָלידאַציע, וואָס קאָנפראָנטירן איצט דעם ישוב, גרויס און טיף, ניי און שווער. עס איז נישט קיין קליינִיקייט דאָס, וואָס מ׳האָט זיך דאָ אונטערגענומען אַדורכצופירן. איבער נאַכט איז מען געוואָרן אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער גלייך, אָבער עס פעלן די סאַמע עלעמענטאַרסטע זאַכן, וואָס מען מוז ערשט צוגרייטן, אויסבויען, מ׳מוז אָנהייבן פון סאַמע פאַרענט.

איז דאָך אויך דער וועג פון אונזער באַפרייאונג נישט גלייך צו דער באַפרייאונג פון אַנדערע פעלקער. אומעטום זיצן די פעלקער אויף זייער ערד, רעבעלירן זיי, קעמפן זיי פאַר זייער פרייהייט, האָבן זיי פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די קייטן פון קנעכטשאַפט, ווערן זיי ממילא בעל־הבתים איבער זיך, איבער זייער לאַנד. אונדזער רעוואָלוציאָנערער גאַנג פון באַפרייאונג איז אויך אין דעם פּרט אַנדערש. מיר מוזן צונויפגיסן די מאַסן, וואָס ווערן געטראָגן פון רעוואָלוציאָנערן אימפּעט צו גאולה, מיט דער ערד, מיט וועלכער זיי זענען אידעאיש אויסגעבונדן, אָבער פאַקטיש באַזיצן זיי זי נאָך נישט. אונדזער אויפגאַבע איז דערפאַר אומפאַרגלייכלעך גרעסער און איר דורכפירונג געוואַלדיק שווערער. זי באַשטייט אין זאַמלונג און טעריטאָריאַליזירונג. צונויפזאַמלען די מאַסן, קודם כל פון די געביטן, וווּ די סטיכיע פון עמיגראַציע איז אַמשטאַרקסטן, זיי לייטן, אַריבערפירן, באַזעצן אין לאַנד און פּראָדוקטיווירן.

מאַכט מען זיך אין חוץ לארץ אַ פאָרשטעלונג פון דער גרויס פון דאָזיקער אויפגאַבע? פאַרמעסט זיך דאָך אַ באַפעלקערונג פון קאַרגע זיבן הונדערט טויזנט מענטשן, ראַנגלענדיק זיך אין דער זעלבער צייט נאָך אַ נייער פאָרם און אינהאַלט, אויפצונעמען ביי אַ פערטל מיליאָן נייע עולים אין איצטיקן יאָר. וואָס הייסט ממש, אַז יעדער דריטער מענטש אין ישראל וועט היי־יאָר זיין אַ נייער, אַ גרינער, אַן עולה.

טאָר מען אויך נישט פאַרגעסן, אַז כל זמן עס גייען אָן די פאַרהאַנדלונגען מיט די אַראַבישע מלוכות וועגן שלום, שטייען מיר נאָך אין דער מיט פון אַ קאָלאָסאַלער מלחמה־אָפּעראַציע, מיט אַן אַרמיי, אַ בודזשעט, וואָס זויגט אויס דאָס לעצטע ביסל פינאַנציעלע און יצירה־בלוט פון דער נייער מדינה.

פעלן טאַקע נישט קיין פּראָבלעמען, זיינען פאַראַן שוועריקייטן, וואָס דער ישוב פּרובט אַריבערצוקומען מיט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, זיינען פאַראַן פּראָבלעמען פון יקרות, פון הויכע לוינען און פון אינטעגראַציע פון די נייע עולים. דער מאַנגל אין דירות איז אַ קאַטאַסטראָפאַלער, וואָס ווערט פאַרשטענדלעך, נאָך כסדר פאַרשאַרפט צוליב דער אומאונטערבראָכענער עליה. איצט דאָס פּראָבלעם פון די אַזויגערופענע סאָציאַל־שוואַכע עלעמענטן פון דער אימיגראַציע, די קראַנקע, די אַלטע, די נישט־טויגלעכע, עס זיינען שווערע לאַסטן און גרויס איז די אחריות, וואָס די יידישע מדינה האָט זיך אַרויפ־

געלייגט אויף אירע יונגע פּלייצעס.

זאָל מען דאָ נאָך דערמאָנען דאָס געוואַלטיקע קולטור־און־שפּראַך־פּראָבלעם, מיט וואָס דער ישוב ווערט איצט קאָנפראָנטירט יעדן טאָג און יעדע שעה? איז דאָך נאָך אַזאַ קבוץ גליות נישט געווען! קומען דאָך יידן קיין א״י פון אַלע ווינקלען, פון אַלע עקן וועלט, מיט אַ באַשטימטער טראַדיציע, מיט אַן אייגענעם לעבנס־אויסקוק, מיט מנהגים און זיטן, מיט שפּראַכן און קולטורן. עס איז ממש אַ בבל פון שפּראַכן און לעבנס־פאָרמען, וואָס פאַרכאַפּן דעם אָטעם אין זייער פילפאַרביקייט און אנדערשאַרטיקייט.

איז אָבער דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער רצון פון די יידישע מאַסן צו איבעראַנדערשונג, צו באַנייאונג און גאַנצקייט אַזוי גרויס, אַז דאָ אויפן א״י־דיקן באָדן הויבט זיך תיכף אָן דער טראַנספאָרמאַציע־פּראָצעס פון די פאַרשידענע חלקים יידן צו אַ קאָלעקטיוו. עס פאַלן אַוועק די אַלע סימנים פון פּאַרטיקולאַריזם פון די יידישע גלות־שבטים און יידן הייבן אָן אויפצוטרעטן ווי אַ פאָלק, ווי אַן ווי אַן אָרגאַנישען גאַנצקייט.

דער נייער באָדן האָט שוין אין די פריערדיקע יאָרן מזווג געווען צו אַ גליקלעכן סינטעז די פאַרשיידענע חלקים יידן, וואָס זיינען געקומען פון פּוילן, פון רוסלאַנד, פון דייטשלאַנד און פון אַנדערע לענדער. יעדער טייל מיט זיין גרויסן און ווערטיקן קולטור־צושטייער — זאָל ער דאָס זעלביקע נישט קענען טאָן אין דער צוקונפט? די עלעמענטן דערצו זיינען פאַראַן, דער באָדן איז שוואַנגער מיט גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס ווילן באַגינציקן און צואיילן דעם טראַנספאָרמאַציע־פּראָצעס פון דעם מעכטיקן, נייעם קבוץ־גליות. פון ישראל סבא, דעם שטאַרק געעלטערטן און צו ביסלעך אָפּגעלאָזענעם פאָלק ווערט יעצט אַ יונג פאָלק, אָנגעלאָדן מיט ענערגיע, מיט רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס און אַ ווילן צו שאָפערישער באַנייאונג.

און נישט נאָר דאָס פאָלק, נאָר אויך דאָס לאַנד. די ערד איז אויפגעוואַכט פון איר טויזנט־יאָריקן כשוף־שלאָף. ווו דאָס אויג קערט זיך, ווו דאָס אויג ווענדט זיך — אַ בראשית׳דיקע באַפרוכפּערונג. אומעטום פלייצט עס מיט נייַ לעבן, מיט פרישע, זאַפטיקע שפּראָצונגען. עס ווימעלט, עס שוויבלט און גריבלט, עס גרינט און גראָזט זיך. אַלע הענד זענען באַשעפטיקט, אַלע מוחות פאַרשעריש־פאַרנומען, אַלע קעפּ טראַכטנדיק־צוגרייטנדיק נייע קוואַלן פון יניקה און חיונה. אינם רעוואָלוציאָנערן צוזאַמענשטויס פון יידישן מענטש מיט זיין לאַנד, האָט דער מוטער־באָדן אַרויסגעכשופט פון אים נייע, נישט־אַנטדעקטע כוחות, וואָס זענען געווען אין דער פאַרגאַנגנהייט און וועלן בלי ספק זיין אין דער צוקונפט אַ ברכה און אַ גליק אי פאַר אים און אי פאַר דער מענטשהייט.

לאָנדאָן, סוף פעברואַר, 9491.



## א. מ. פוקס

# טונקלע טעג

(פון דעם בוך דערציילונגען וואָס ווערט צוגעגרייט צום דרוק)

די אלמנה זלאַטע איז געגאַנגען פּאַוואָליע און זי האָט געטראָגן אַ ליידיקן טאָפּ אין דער האַנד. דער קאָפּ פאַרפעקלט אין דער צעפליקטער שאַל, איז געווען געבויגן אויפן אַקסל. דאָס מויל קרומלעך צועפנט און צווישן די בלאָע פאַרשמאַכטע לעפצן האָט אַרויסגעשטעקט די שפּיץ צונג. פון איר צעריסענעם מאַנסבילשן טיזליק אונטערגעבונדן מיט אַ שטריק האָבן נאָכגעהאָנגען שטיקער. דעם ערדענעם טאָפּ האָט זי געליהען ביי דער שלום־בערעכע, איר שוועסטער׳ס מחותנת׳טע און זי איז געגאַנגען זוכן צו קויפן ערגעץ אין די שטיבער אַ האַלבע קוואָרט מילך פאַר די קינדער. אירע האַלב בלינדע אויגן, צוויי רויטע פלעקן אין פאַראומערטן פּנים, וואָס די הויט דערפון איז געווען האַרט און געקאָרבט ווי קאָרע פון אַן אַלטן בוים, האָבן כסדר געפינטלט. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן די שנייאיקע ווייסקייט פונם דרויסן, און פאַר דער יידענעס בליק האָבן געטאַנצט שוואַרצע פלעקן, ווי שפּרינגענדיקע פייגל.

דער שיטער־גראָהער ווינטערדיקער נעפּל, האָט זיך קאַלט געררויכערט טריב און איינגעגעסן. פּלוצלינג איז די יידענע שטיין געבליבן און זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, נייגעריק און פאַרוואונדערט. פון דערווייטנס האָט זי געזען גייען צוויי מענטשן, אַ זעלנער מיט אַ מיידל. דאָס מיידל האָט זלאַטע תיכף דערקענט. ס׳איז געווען עלקע, איר שוועסטערס זון יאָסעל׳ס כלה. דער זעלנער אָבער איז געווען פרעמד. עפּעס האָט ער געטראָגן אויפ׳ן קאָפּ אַן אַנדער היטל, נישט קיין פוטערנעם ספּאַדיק מיט אַ ווידל אויפ׳ן שפּיץ, ווי ביי די רוטענער זעלנער. עפּעס אַ קאָנטיקס איז געווען דאָס היטל, מיט פיר שפּיצן ווי אַ גלח׳שע יאַרמולקע. אַזוינס האָט נאָך זלאַטע קיינמאָל נישט געזען ביי די היגע זעלנער. זי האָט נאָכאַמאָל אַ פינטל געטון מיט ביידע אויגן און כאָטש די יידענע האָט נישט געהאַט קיין צייט, זי איז אַהיימגעאַנגען מיטן ליידיקן טעפּל און זי האָט נישט געהאַט וואָס צוצושטעלן קאָכן און וואָס צו געבן די פאַרגרינטע, רויט־נעזלדיקע הונגעריקע קינדער אָנבייסן, איז די אלמנה זלאַטע געווען אַ בעלנית צו זען, וואוהין עלקע גייט דאָס מיט׳ן פרעמדן זעלנער. זי האָט זיך נאָכגעשלייכט פון דערווייטנס. געזען ווי ביידע גייען אַריין צו יאַנקאָווסקין אין גויעשן שענק. זלאַטע האָט צוגעלעגט דאָס פּנים צום פענסטער, אָבער די שויבן זענען געווען בלינד און גראָב אָנגעפרוירן מיט אייז־שניי און די יידענע האָט גאָרנישט געקאָנט זען. האָט זי זיך מיישב געווען און זי איז אַריינגעגאַנגען אינווייניק. אַ פאַרע־וואָלקן האָט אַ זעץ געטון. געלעכטערס און קולות דינגע און גראָבע, האָבן זיך דאָרט געטראָגן. די יידענע איז שטיין געבליבן ביי דער טיר, דאָס מויל אָפן, די געמבע אונטערגעהאַלטן פון צוויי פינגער. זעלנער, אַנדערע, אין אַנדערע מונדירן, מיט געשלעגלטע זילבערנע בענדלעך אויף די קאָלנערס, מיט פאַריסענע נעז, די וואָנצעס אַרויפגעדרייט מיט די שפּיצלעך

ביי די עקן, דינע ווי נאָדלען, האָבן ביים טיש געשפּילט אין קאָרטן און געשכורט.

אין דער גרויסער אָנגעהייצטער שטוב האָבן זיך אין גראָהען ציגאַרן־רויך זאַט גערויטלט די אָפּגעפּרעסטע פּנים׳ער מיט אַ פעט גלאַנצל פון קאַשע מיט חזיר, פאַרטומלטע פון פרייד און רייד. און צווישן די זעלנער האָט זלאַטע דערזען שטעטלדיק שיינע שיקסעלעך, מיט רויטע פּאַטשיילעס אויף די קעפּ און מיט בלאָנדע צעפּ אויף די פּלייצעס. זיי האָבן געגוגערט און געלאַכט מיט זייערע קוויטשיקע קול׳כלעך, געוויגט זיך אויף די פעסטע היפטן, און געחנ׳דלט צו די זעלנער מיט פריידיק צעשמייכלטע צוזאַגנדיקע בלאָהע קלאָרע אויגן. הייזעריקע האַרמאָנקעס האָבן געשפּילט און די שיקסעלעך האָבן געטאַנצט מיט די זעלנער, חנ׳דלדיק געדרייט זיך אין רעדל. זלאַטע האָט זיך געפרייט און געקוקט מיט׳ן פולן תענוג פון די אָרימע לייט ווי זי פלעגט אַמאָל צוקוקן אויף אַ חתונה. די רוישנדיקע, זאַטע פריילעכקייט, האָט זי אַרומגעכאַפּט ווי אַ הייסע כוואַליע און פאַרטריבן אַ רגע די צרות און די זאָרגן פון איר פאַרביטערטן געמיט. זלאַטע האָט פאַרלייגט די הענט אויפ׳ן האַרץ און אויף איר פאַראומערטן פּנים, האָט זיך צעצויגן אַ קרומלעכער שמייכל. אָבער פלוצים האָט די יידענע דערזען עלקע׳ס שוואַרץ־געקרייזלטן קאָפּ האָר דאָ אַרומטאַנצן, אַלע מאָל האָט דאָס יידישע מיידל גערעדט מיט אַ אַנדערן זעלנער. זי האָט געריכערט ציגאַרעטלעך מיט מאַנסבילישער גענײטשאַפט און אַלע מאָל האָט זי, רויט־לייכטנדיק פון צוהיצטן געלעכטער, אָויעקגעשטופּט אַ זעלנערישע האַנט מיט׳ן גלעזל משקה וואָס האָט זיך געהויבן צו איר מויל. זי האָט זיך געחנ׳דלט מער פּריציש־אידעלער און געניטער פון די שיקסלעך, מיט אַלע באַהאַלטנסטע תנועות פון דער שיינקייט. געבעטן מען זאָל איר זינגען לידלעך, געטאַנצט און געדרייט זיך זער ווילקענעוודיק אין רעדל, בויגעוודיק ווי אַ רוט, געצויגן די פולע שיינע איברים אונטערן רויטן קליידל, און אירע אויגן האָבן געגלאַנצט פייכט און מיט אַזויפיל גלוסטיקער פאַרטראַגנקייט אַז זלאַטע האָט זיך אַזש דערשראָקן. דער ערשטער געדאַנק איז געווען אַ טיף ווייבערישער, אַ נישט פאַרגינערישער: נישט אומזיסט האָט מען ביי לייט אַלדאָס גוטס און כלערליי קרענק מיט לויזע קעפּ. דערנאָך איז זלאַטע רויט געוואָרן פון עפּעס אַ אינעווייניקסטע חרפּה און אינאיינעם דערמיט האָט אַ ברען געטון דער צאָרן, דער האַרבער, יידישער. זי האָט געזען אַז דאָ טוט זיך אָפּ אַ גאַנצע שמחה.

דער כעס פון אומווערד איז אויפגעשטיגן אין איר פאַרביטערט געמיט אינאיינעם מיט דער שנאה צו גויים. זי האָט זיך דערמאָנט אָן אירע פאַרוואַרלאָזטע, הונגעריקע קינדער, אָן איר מאַן, מאָטיען, דעם פאַרהאַרעוועטן, וואָס ער איז געשטאָרבן ערגעץ אין דער פרעמד אין די נאַסע ברעטערנע באַראַקן, וואו מען האָט אין דער מלחמה געוואָגלט אויף דער פלוכט פון דעם שטעטל, די געחרובטע היים, אָן איר שוועסטער שפרינצע׳ס טעכטער, די שטילע כלה־מיידלעך, מיט די צניעות׳דיקע בליקן אונטער די קאָפּשאַלען, וואָס קריכן אַלע מאָל אויפ׳ן בוידעם זיך באַהאַלטן אונטערן קאַסטן פּסח׳דיקן געפעס, מיט טויט־



אַנגסטן אין אַלע איברים, פאַר די זעלנער, פאַר די שקצים און גויים, וואָס באַפאַלן אַלע מאָל, ראַבעווען אין יידישע שטיבער, שלאָגן יידן, טוען־אָן געבראַטענע לייד. און זלאַטע האָט צו זיך אַליין אַ זאָג געטון הויך און בייז אויסשפּייענדיק: — אַהי זאָל דאָס ווערן, זע נאָר זע, וואָס איז דאָס ? פע, אַ יידישע טאָכטער טאַנצט גאָר מיט שקצים. פע, זי מעג זיך שעמען אין וויטן האַלז אַריין, עלקע, קוק זי נאָר אָן, אַ גאַנצע פּריצה׳טע געוואָרן. הער נאָר דו מויד, ווען דו ביזט מיין טאָכטער וואָלט עך דיר אויסגעריסן די צעפּ און דעך אַרויסגעוואָרפן פון דער שטוב אויף צוויי שפּענדלעך. עכ׳ל דערציילן דיין טאַטן וועט ער דיך אָנפּאַטשן ווי אַ לינג, די שפלה איינע וואָס די ביזט. מען דאַרף זיך נאָך אָנקערן מיט איר מחותנהשאַפט צו אַלדע רוחות. עכ׳ל דעך האָבן אין דרערד ווי צען בערג. נישט־קשה אַזאַ שידוך מעג מען אָפּלאָזן, ס׳עט נישט זיין קיין לאַך אין הימל. עלקע האָט ווייזט אויס נישט געזען די אלמנה זלאַטע און נישט געהערט אירע ביטערע רייד. איין אויג איז ביי דעם שיינעם מיידל געווען אַביסל צוגעזשמורעט און אין דעם דינעם שפּעלטעל דערפון, האָט געציטערט די גלוסטיקע פרייד, ווי דינע פליגעלעך פון אַ בין. מיט׳ן אַנדערן אויג האָט זי אַלע מאָל אַ צושמייכלטן חנ׳דל געטון צום עלטסטן פון די זעלנער, אַ קליינער, פעסטער מענש מיט געלע קנאַקנדיקע שטיוועל, מיט זילבערנע בענדלעך ווי שלנגעלעך, אויפ׳ן קאַלנער און אויפ׳ן אַרבל פונ׳ם ענג געפּאַסטן מונדיר מיט די גלאַנציקע מעשענע קנעפּ. זיין ראָז־פּריציש פּנים איז געווען באַצירט מיט אַ ווייך בלאָנדבערדל, וואָס ס׳פאַרדעקט שטילע קאַלטע אכזריות.

דער עלטסטער האָט שוין לאַנג באַמערקט דאָס יידישע מיידל, די שיינע שוואַרץ קעפּיקע מיט אירע פרייד־דורשטיקע בויגעוודיקע און ציטיק־זיסע איברים. זיינע בלויע אויגן האָבן געשלונגען איר פייכטן צוזאָגנדיקן שמייכל, דאָס גלוסטעניש צו דעם פרעמדן, פון איין גזע צו דעם אַנדערן, האָט שוין געהיצט אין זייערע געבליטן. ער האָט זיך גענענט צו איר. פיין צעוויגט מיט קאַוואַלירענעם טריטל, זיך טיף בכבודיק פאַרנויגט: „פּראָשי פּאַני” און זי גאַלאַנט פאַרבעטן צום טאַנץ. טיש און בענק האָבן זיך איבערגערוקט, די זעלנער מיט די שיקסלעך האָבן זיך דרך ארץ׳דיק אַרומגעשטעלט, געמאַכט פּלאַץ פאַרן טאַנצנדיקן פּאָרל אין מיטן. זלאַטעס מויל האָט זיך ברייטער צועפנט. ניין, אַזוינס האָט נאָך זלאַטע נישט געזען, ס׳איז געווען אַ אַנדערער טאַנץ, אַ נייער, אַ היינטוועלטישער, אַ פאַרשלעפּטער פון דאָרט, פון די גרויסע שטעט.ביידע האָבן זיך געהאַלטן ענג אַרומגענומען, צודריקנדיק זיך נאָענט און געדיכט צו אַנאַנדער. ער האָט ווייך נאָר שטאַרק צוגעדריקט זיין האַנט מיט צונומענע פינגער צום מיידלס פּלייצע, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט, אַז זי וועט זיך אַרויסרייסן פון זיינע אָרעמס און זי וועט אַנטלויפן. נאָר זי האָט דאָס נישט אין זין געהאַט צו טון. זי האָט אָנגעשפּאַרט איר שוואַרץ־געקרייזלטן קאָפּ ווי צורפייערט אויף זיין ברייטער ברוסט און האַלב צוגעמאַכטביידע אויגן, גלייך זי וואָלט געהאַט בדעה דאָרט צו כאַפּן אַ דרימל. די פיס זענען געווען ענג איינגעפלאָכטן און אַ רגע האָבן ביידע אונטערגעטאַנצט אויף איין אָרט. דערנאָך האָט

ער גענומען אונטערוויילעכטס שפּאַנען און זי האָט אים גיך נאָכגעשפּאַנט. איר קני טיפער אַריינשלייכנדיק צווישן זיינע קני. בעת דעם האָבן דעם מיידלס איברים זיך שטאַרק געצויגן. גלייך זיי וואָלטן געווען פון גומילאַסטיק. אירע אַקסלען האָבן זיך פאַרציטערטע געהויבן איינער נאָכ׳ן אַנדערן, בויגעוודיק געוויגט, גלייך ס׳וואָלט אין זיי געזונגען דער פאַרבענקטער ניגון וואָס האָט האַרב און זיס פאַרטראָגן געשפּילט פון דער ציה־האַרמאָניק.

אירע פולע ליפּן האָבן געגליט רויט און נאַס, דער גרינלעך פאַרשלייערטער בליק איבער דער אַביסל געבויגענער שיינער נאָז, מיט די קלייען אויף איר, האָט געשטראַלט מיט צופייערטע פונקען, און געדרייט האָבן זיך אירע איברים אין זיך אַריין, ווי דער לייב פון אַ שלאַנג. מיט הייסער פרייד האָט פון איר געאָטעמט און ווי צו דער זינד און ווי צום לעבן האָט צו איר געפלאַטערט דאָס נפש בלינד און שטום, מיט אויסגעשטרעקטע בעטנדיקע הענד. פאַרשכורט אין פאַרצערטער גלוסטונג.

די טאַנצנדיקע האָבן נענטער צוגעצויגן די קעפּ. שפּאַנענדיק אַהין און צוריק, פאַראויס און הינטערוויילעכטס. גלייך זיי וואָלטן איינס פאַר דאָס אַנדערע אַנטלאָפן אויף קאַטאָוועס, זיך געיאָגט מיט גליענדיקער בענקעניש, געכאַפּט זיך מיט נצחון און ווידער פריידיק אונטערגעטענצלט אויף איין אָרט, זענען זייערע פּנים׳ער געווען צוגעוואַקסן איינס צום אַנדערן, שטום פאַרצערטע און פייערליך. גלייך זיי וואָלטן געטון עפּעס אַ הייליקע עובדה, געדינט צו עפּעס אַ גריילעכן געטש, מיט אַ נאַקעטן בויך און מיט אַ קאָפּ פון אַ לאַכנדיקן הונט.

די מוזיק־קלאַנגען זענען שטיל געבליבן, דער טאַנץ האָט זיך געענדיקט, ביידע זענען אַ רגע שטייענגעבליבן, געגרויטלט און לייכט־סאָפּנדיק. ער האָט זי גענומען אונטערן אָרים און בכבוד׳יק אונטערגעפירט צום טישל, פיין פאַרנייגט זיך: — פּראַשי פּאַני.

— אוי אַ בראָך — האָט די אלמנה זלאַטע אַ זאָג געטון צו די מענטשן אין שענק, גלייך זי וואָלט באַדאַרפט פאַרענטפערן די גאַנצע מעשה. זי איז אַרויס פון דאַנען ווי מיט אונטערגעהאַקטע פיס און זי האָט גענומען שפּאַנען שלעפּנדיק די גרויסע מאַנסבילישע שטיוועל און זינקנדיק פון איין שניי־לאָך אין אַנדערן. אַ שוואַרצע וואָראָנע האָט זיך דערשראָקן און שווער אויפגעפלויגן מיט אַ הייזעריקן געשריי. אַ אָנגעבויגענער גוי מיט אַ גרויסן פּאַק, וואָס איז געווען פאַרבונדען מיט אַ ווייס יידיש טישטוך, אויף די פּלייצעס, איז גיך פאַרבייגעגאַנגען און פאַרשוווּנדן אין גרויען נעפּלדיקן גליוּוער ווי אין אַ רויך וואָלקן. אין ווייסן שניי־דרויסן האָבן ווידער גענומען טאַנצן שוואַרצע פלעקן פאַר דער יידינע׳ס קאַליע אויגן און ברענענדיקער און שטאַרקער איז אויפגעשטיגן דער צאָרן אין איר פאַרביטערט געמיט. זי איז געגאַנגען און געשאָלטן. וויסטע חרמות און פינסטערע קללות האָבן געהילכט פון איר צוקרימט מויל אין דער ווייטער שטילקייט פונ׳ם טריבן דרימלדיקן ווינטער־טאָג. ס׳איז געווען דער צאָרן פון גאָט, ווי קוילען פייער אויף דער שטומער צונג; — אַז



ס׳זאָל אויף אייך אויסגיין אַ שוואַרץ יאָר אַלע אין איינעם, רבונו של עולם! זע נאָר, ווי זיי הוליען, זע נאָר ווי זיי טאַנצן, אַזוי גוט גייט דאָס אייך? אַז טאַנצן זאָלט איר שוין מיט׳ן מלאך המות. זע נאָר וואָס פאַר אַ לוויע קעפּ מען האָט דאָס ביי לייט? ס׳גלוסט זיך זיי נאָך צו פּראַווען פּראַזניקעס מיט גוים! מ׳האָט גאָר נישט קיין אַנגסטן און קיין צרות און קיין ווייטאָגן? אַז ס׳זאָל אייך שוין אַריין אַ צרה אין די בייכער און אַ בראַנד אין די קעפּ גאָטעניו. אַז מען האָט גאָר נישט קיין בושה און קיין חרפה אין די ביינער, אַז מען האָט גאָר נישט קיין מורא פאַר גאָט, אַז ס׳ווערט זיי גאָרנישט פינסטער אין די אויגן פון שאַנד, און ביטער אין די געדערים פון שפּאַט.

און די אלמנה זלאַטע האָט פון גרויס צאָרן און צעפּלאַקערטער שנאה אַ וואָרף געטון דעם טאָפּ צו דער ערד. ער איז צעבראָכן געוואָרן אויף קליינע שערבעלעך.

אירע רויט צעיאָטערטע אויגן האָבן געפלאַמט ווי שטורקאַצן. זי איז שטיין געבליבן דערשראָקן. ס׳איז געווען אַ פרעמדער טאָפּ. דער שלום בערעכע׳ס טאָפּ. באַלד אָבער האָט זיך די יידינע דערמאָנט אין דער שלום בערעכעס טאָכטער עלקען, ווי זי האָט געטאַנצט מיט די נייע זעלנער, און די יידינע האָט אַ זאָג געטון: — אַ שיינע ריינע כפּרה מיט איר אינאיינעם.

(המשך קומט)

ל׳עא קעניג

## מוז קומען צו אַ פאַרפרעמדונג צווישן מלוכה און גלות?

יעדער פון אונז האָט פריינד און באַקאַנטע וואָס זענען לעצטנס אויעקגעפאָרן קיין א״י, אָדער וואָס קלויבן זיך איצט פאָרן אַהין; און ווער, פון אונז אַליין, מוז ניט פון צייט צו צייט, אָנגייענדיק מיט זיינע געוויינליכע געשעפטן, אַ קלער טון: וואָס גיי איך טון, איך און מיינע קינדער — בלייבן מיר וו מיר זיינען, ווו מיר האָבן זיך מער ווייניקער איינגעבירגערט און איינגעאָרדנט, אָדער מיר וועלן זיך סוף כל סוף באַזעצן אין דעם יידישן לאַנד? געהערן מיר צו דער דיאַספּאָראַ אָדער צו דער יידישער מלוכה?

פאַרוואָס איז עס אַזוי? פאַר וואָס זענען מיר איצט אַזוי באַשעפטיקט מיט די פראַגן? ס׳איז ניט נור דערפאַר, ווייל יעדער פון אונז איז, נאַטירלעך, פאַראינטערעסירט מיט דער נייאיקייט פון דער דערשיינונג, און יעדן פון אונז ווילט זיך זען און מאַכן אַ ברכה אָדער אַ שהחיינו אויף דער יידישער מלוכה. ס׳וואָלט געווען אומנאַטירלעך סיי־וועלכער ייד אין גלות, ווי רעכט צי לינק, ווי אַסימילירט און ווייט ער זאָל ניט זיין פונם יידישן לעבן, זאָל ניט זיין פאַראינטריגירט און ניט וועלן אַ קוק טון אויף דער נייער, יונגער און קליינער יידישער מלוכה, אויף ישראל, און זען מיט די אייגענע אויגן ווי דאָס מלוכה־לעבן שטעלט זיך דאָרט איין, ווי־אַזוי זעט אויס אַ יידישער פאַרלאַמענט, אַ

יידישע אַרמיי, און אַפילו אַזאַ פּראָזאַאישע זאַך ווי אַ יידישער פּאָליציאַנט אויף אַ יידישער גאַס.

מיר קענען זיך פאָרשטעלן אַז אַפילו ביים געשוואָרענעם יידישן אַסימילאַטאָר, וועלכער אַנטלויפט אינגאַנצן פונם יידישן לעבן, גיט, בחדרי חדרים עפּעס אַ באַהאַלטענע סטרונע אַ מאָדנעם ויחד־ציטער, ווען ער לייענט די פאַרשידענע נייעס וועגן דער יידישער מלוכה...

אָבער ניט וועגן דעם דאָזיקן אינטערעס צו ישראל איז אַצינד די רייד, ווען איך פרעג פאַר וואָס מיר קלערן איצט וועגן ישראל און גלות; און ווען איך זאָג **מיר** מיין איך ניט דווקא די פון אונז, וואָס זענען ציוניסטן אָדער אַפילו ציוניסטיש געשטימט, נור די אַלע פון אונז, וואָס האָבן געלעבט מיט און אין דעם יידישן לעבן, מיט די יידישע מאַסן, מיט די יידישע פראַגן און פּראָבלעמען — פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע — אַפילו ווען זיי זענען ניט קיין ציוניסטן געווען אָדער אַנטי־ציוניסטן, ד.ה. אַלע אונזערע פאָלקישע יידן...

פאַר וואָס זשע שטעלט זיך ביי אונז אַלע איצט די פראַגע: ווו געהערן מיר, וווהין גייען מיר, מיר און אונזערע קינדער; גייען מיר בלייבן ווו מיר זיינען, ווו מיר האָבן זיך איינגעבירגערט, אָדער מיר ווילן זיך ביסלאַכווייז לויט די אומשטענדן אַריבערפּעקלען קיין ארץ ישראל?

די פראַגע, קלאָר אָדער מטושטש, באַוווסטזיניק אָדער ניט, מוטשעט אונז אַצינד, ווי געזאָגט, אַלעמען, און יעדער פון אונז וועט אין די נעכסטע פאַר יאָר אפשר מוזן, גלויב איך, געבן אַן אַנטשיידנעם ענטפער אויף דער פראַגע — אַהער אָדער אַהין, דאָ אָדער דאָרט?

פאַר וואָס זשע, פרעג איך, שטייען מיר איצט פאַר דער דילעמע? ניט, ווי געזאָגט, צוליב דעם נאַטירלעכן נייגיר צו זען ווי עס זעט אויס די יידישע מלוכה, און ניט אויך ווייל מיר ווילן ווי אַ סך אַנדערע יידן אַנטלויפן פונם וואַקסנדן אַנטיסעמיטיזם (פון סאָציאַלע איבלען און קראַנקהייטן אַנטלויפט מען ניט, נור מען באַקעמפט זיי. און אין ישראל וועלן מסתמא זיין אַנדערע אומבאַקוועמליכקייטן, וועלכע דאַרפן, אגב, אַלץ מילדער ווערן ווען די וועלט וועט זיך צוגעוווינען צום געדאַנק און צום פאַקט פון אַ יידישער מלוכה...) און אויך ניט דערפאַר ווייל מיר זוכן, ווי געוויסע קליינע בורזשואַזע יידישע שיכטן, אַ ניי לאַנד צו אינוועסטירן אונזער קאַפּיטאַל...

פאַר אונז וועלטלעכע יידן, וואָס האָבן אונזערע גאַנצענע לעבנס געלעבט מיט יידישע פראַגן און פּראָבלעמען — סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און קולטורעלע — האָט זיך איצט אַרויסגעשטעלט די פראַגע וווהין, צו וועמען געהערן מיר **הויפּטזאַכליך** דערפאַר, ווייל ריין עמפּיריש, געלערנט פון דער ווירקלעכקייט און ניט פון ציוניסטישע אידעאָלאָגיעס, זענען מיר געקומען צום באַשלוס, אָפּטמאָל ניט ווילנדיקן, אַז אַ גאַנץ און פול וועלטלעך יידיש לעבן איז אונמעגלעך כמעט געוואָרן אין דער דיאַספּאָראַ. אין די לענדער ווו מיר זענען קליינע מינדערהייטן; און באַזונדער אין די לענדער, ווו מיר האָבן פולע און גלייכע בירגער־רעכט און די טויערן פון אַסימילאַציע — שפּראַכליכער און



קולטורעלער — זיינען ניט פאַרמאַכט... פאַר די לעצטע פופציק יאָר, אונגעפער, האָבן מיר, להיפוך צו די ציוניסטישע פּראָגנאָסטיקס און אידעאָלאָגיעס, געפּרובט לעבן אַ מאָדערן יידיש קולטורעל לעבן אין דער דיאַספּאָראַ. ס'איז אויפגעקומען אַ שיינע יונגע יידישע ליטעראַטור און פּרעסע, פאַרשידענע יידישע וועלטלעכע קולטור אָרגאַניזאַציעס זיינען געשאַפן געוואָרן; אָבער דאָס אַלעס איז מעגליך געווען, הויפּטזאַכליך, ווייל מיר האָבן נאָך געלעבט אין די געטאָס און תחומן אָדער מיט דער געירשנטער געטאָ און תחום מענטאַליטעט, געגן וועלכע מיר האָבן געקעמפט... אָבער ווי נאָר די זעבאַרע און ניט־זעבאַרע געטאָ־מויערן האָבן גענומען איינפאַלן און מיר האָבן זיך גענומען איינבירגערן אין די מער ווייניקער פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע לענדער פון דער דיאַספּאָראַ אַזוי האָבן זיך ווייט צועפנט די טויערן אויף פאַר שפּראַכליכער און קולטור אַסימילאַציע. מיטן סך הכול אַז מיר האָבן אַלע דערפילט און דערזען אַז אַ נאַציאָנאַל־וועלטלעך יידיש לעבן איז כמעט אונמעגלעך געוואָרן אין די פרייע לענדער ווו מיר געפינען זיך ווי עמאַנציפּירטע גלייכבאַרעכטיקטע מינדערהייטן; אַז אין אַמעריקע, רוסלאַנד און אין אַלע אַנדערע פרייע לענדער (אונזער ענגלאַנד אודאי איינגעשלאָסן) ווערן די כוואַליעס פון שפּראַכליכער און קולטור אַסימילאַציע אַלץ שטאַרקער און געפערלעכער... אונזערע קינדער קענען שוין ניט קיין יידיש און ניט קיין העברעאיש, און אויב יאָ איז עס אויפן שפּיץ מעסער. מיר קענען דאָ ניט שאַפן און אויפהאַלטן די געזונטע נאַציאָנאַל וועלטלעכע פאָרמען און ימים טובים... און די מיינסטע פון אונז ווילן אויך ניט גלויבן אַז מיר קענען גיין „צוריק אין שול אַריין", אָדער „צוריק אין געטאָ אַריין" כדי צו ראַטעווען זיך פון אַסימילאַציע...

אַט פאַר די אַלע פון אונז פאָלקישע יידן וואָס האָבן געוואָלט לעבן אַ יידיש פאָלקס לעבן, און האָבן שטענדיק געשטרעבט צו לעבן אַ יידיש לעבן שטייט איצט מיטן אויפקומען פון דער יידישער מלוכה די פראַגע: וווהין? ווייל איך וויל לעבן ווי אַ ייד, ווי אַ מאָדערנער וועלטליכער מענטש און ייד. אָדער איך וויל אָנגיין ווייטער מיט דעם געמוטשעטן צושפּאָלטענעם לעבן ניט אַהער און ניט אַהין און זען ווי אונזערע קינדער גייען פון אונז אַלץ ווייטער און ווייטער אַוועק, אויב אַ טייל פון זיי וועלן ניט געטריבן ווערן צו ישראל מיט גוואַלד אָדער דורך איינגאַרטיקע אַסימילאַטאָרישע וועגן און שטעגן.

---

און שוין אין דער פראַגע אַליין, גלויב איך, איז דאָ דער שליסל צום ענטפער אויף אונזער עיקר־פּראָבלעמע: צי ס'מוז קומען צו אַ שפּאַלטונג צווישן ישראל און דיאַספּאָראַ. אויב מיר זענען געקומען דורך דערפאַרונגען און אַנטוישונגען צו דעם אויספיר אַז אַ וועלטלעך נאַציאָנאַל יידיש לעבן איז כמעט שוין אונמעגלעך אין דער דיאַספּאָראַ ווו מיר זענען קולטור־מינדערהייטן, אַז שפּראַכליכע און קולטור אַסימילאַציע איז אונפאַרמיידליך צווישן רייכע מערהייט־קולטורן און שפּראַכן, און אַז דאָס יידישע לעבן, שפּראַך און ליטעראַטור מוזן ווערן סטאַטיש, סטאַגנירט אין די באַדינגונגען, הייסט עס שוין ממילא אַז

נור אין אַ יידישער מדינה מיט אַ יידישער מערהייט איז מעגלעך אַ נאָרמאַל און דינאַמיש יידיש פאָלקס לעבן, אַז אַ אייגענע פאָלקס שפּראַך און נאַציאָנאַלע ליטעראַטור וועלן דאָרט אין ישראל זיך יאָ קענען אַנטוויקלען... אַז די יידישע קינדער וועלן דאָרט נאַטירלעך האַלטן זייער ימים טובים און רעדן די פאָלקס שפּראַך, וואָס וועט זיך דאָרט אויספאָרמען אפשר פון אונזערעביידע איצטיקע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, וואָס מוטשן זיך צווישן לעבן און טויט אין די גלות לענדער.

און ווען מיר קומען, ניט נור אלס ציוניסטן, צו דעם אויספיר ווערט דאָך שוין ממילא קלאָר אַז ס׳מוז קומען אַ קולטור פאַרפרעמדקייט אָדער רופט עס אַ מחיצה צי אַ „אַנדערשקייט" צווישן ישראל און דעם חוץ לארץ... די פאַרפרעמדקייט פון נאָרמאַל און אַבנאָרמאַל, פון גאַנצקייט און צובראָכנקייט, פון אַ געצוווּנגען סטאַטיש יידישקייט, און אַ נאַטירלעך דינאַמיש זיך בייטנדיק יידיש לעבן...

די אַלטע נאַציאָנאַלע (און אפילו רעליגיעזע) יידישע ימים טובים און קולטן וועלן דאָרט קריגן נייע קאָלאָריטן און ריטמען; און וואָס איז נאָך וויכטיקער: עס וועלן דאָרט מוזן אויפקומען נייע נאַציאָנאַלע און פאָלקס ימים טובים אין וועלכע מיר וועלן ניט קענען אַנטייל נעמען, ווייל מיר לעבן דאָך אין פרעמדע סביבות און מיט טראַדיציאָנעלע יידישע מנהגים און דינים וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן דער עיקר כדי אונז אויפצוהאַלטן אַלס פאָלק אין גלות, און פון וועלכע אונזערע קינדער גייען סיי ווי אַוועק.

איך וועל נעמען אַ עקסטרעמען ביישפּיל:

מיר קענען זיך פאָרשטעלן אַז אַפילו אונזער סידור וועט דאָרט מוזן רעפאָרמירט ווערן מיט דער צייט. פאַר אַ בירגער אין ישראל וועט ניט האָבן קיין זין צו מתפלל זיין „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים"; צי פאַר ירושלימער תושב און בירגער צו זאָגן „לשנה הבאה בירושלים"...

איך וועל גיין נאָך ווייטער און זאָגן אַז אַפילו פאַרן דורכשניטלעכן רעליגיעזן יידן וואָס וועט בלייבן אין גלות־אַמעריקע, רוסלאַנד און ענגלאַנד א.אז.וו. — וועלן די און ענלעכע תפילות קלינגען פאַלש; ווארום מען וועט אים קענען זאָגן און ער וועט זיך אַליין מוזן זאָגן: אויב דו ביזט יאָ מתפלל זיך אומצוקערן קיין ציון און זען ירושלים, טאָ פאַרוואָס פאָרסטו ניט אַהין און ווערסט ניט אַ דאָרטיקער בירגער?

סיידן מיר זאָלן געבן אַ מיסטישע אינטערפרעטאַציע אָט די תפילות, באשר מיר בעטן צו זען אַ ירושלים של מעלה און אַ הימלישן ציון — שטויסן מיר זיך אָן ווידער אין אַ נייער מחיצה, די מחיצה צווישן אַ מיסטישער און רעאַליסטישער יידישקייט... האָט דאָך דער ענגלישער דיכטער בלעיק אויך געבענקט און געזונגען פון אַ ירושלים של מעלה אין ענגלאַנד...



משה עובד

# נומי־אל, דער מלאך פון שלאָף

(הנה לא ינום ולא יישן)

אַן הפסקה, אָן איבערהיפּער
האָט יעדער האַרצקלאַפּ מיך געשלאָגן על חטא.
אָן אייביקער יום־כפור!
די קלעפּ האָבן געבויגן מיין רוקן כורעים,
אונטערן טלית פון הימל געוויינט,
און מענטשן זיי האָבן געמיינט
איך בין חלילה משוגע אָדער טויט שיכור.

אָבער דער גוטער מלאך פון שלאָף האָט גוט געוואוסט,
די סיבה פון מיין זינד און שטרויכעל,
אַז אַלעס וואָס איך האָב געטון האָב איך געמוזט,
און ער איז מיר געווען מוחל.

והא ראיה, איינמאָל ווען דער טאָג האָט שוין גערוט
אויף דעם זונגען־קושען
אָבער חרטה האָט נאָך געשטורמט מיין בעט
און שלאָף פון מיינע אויגן געיאָגט,
און מיין בייז געוויסן
האָט פון מיין פאַרלאָטערטע לעבן
שטיקער געריסן,
האָט נומי־אל דער מלאך פון שלאָף
צו מיר אַזוי גערעדט:

קענסט דאָך ניט גענאַרן דיין אייגענעם טאַטן,
ער ווייס, אוי ווייס ער! אַז דו ביסט
אַ שטאָל־און אייזערנער איגאָאיסט,
אַז אַפילו אַן עין־הרע קען דיר נישט שאַטן!

ער ווייס, האָסט ליב ס׳לעבן צו שפּאַצירן אויף וועגן
גלאַטע, זיכערע, שיינע
און אויסצומיידן די מיאוסע, דאָרנדיקע, זיינע
און גלויב מיר, אַז איך וואונדער זיך גאָרניט אויף דיר.
האָרך זיך צו מיין שלעפערל צו דעם אָט
ששש! איך וועל דיר פאַרטרויען אַ געהיימען סוד!

ווען ער אין הימל איז אַ מענטש
וואָלט ער אויך שיינקייט, שלום, ליבע און אַ שיין לעבן
געשטעלט אַ סך העכער פון האס, טויט, דין און יושר,
ווען עס מאכט זיך אים אַ שעת הכושר.
אָבער וואָס קען ער נעבעך טון אַז זיין פליכט איז צו שטראָפן
און נישט צו לאָזן אַ ייד שלאָפן
אַ ייד וואָס מאכט אַ גרויסן תענוג־אבראַט
ווייל ער אַליין איז געשטראָפט צו זיין אַ גאָט!

ער מוז דאָך זיין געשפּאַנט
ניט בלויז אין דער גאָלדענער קייט
פון ליבן־לעבן און שטראַלנדער שיינקייט,
נאָר ער מוז אויך שלעפן גאַנצע קאַראַוואַנען,
פון מכות, מגיפות, חולאתן און צורעתן
און פון אַלע גסיסות און מיתות וואָס זענען פאַראַנען
ווערט מען ממילא אַ נוקם ונוטר און אַ כעסן.

ששש! זיי וויסן ווייס.
אַז ער איז נישט נאָר אויף דיר
נאָר אויף דער גאַנצער וועלט בייז.
איי וואָס ער פייניגט דיך אַביסעלע מער
יעדער רגע פייניגט ער דיך אַ שעה,
גלויב מיר אַז ער ליידט דערפון מער ווי דו.
שששששש! צווישן אונז זאָל עס בלייבן
צו וואָס טויג אים זיין גאַנץ מלכות
צו וואָס טויג
אַז ער קען נעבעך ניט צומאַכן קיין אויג.
נאָר ששש! שלאָף! שלאָף! ששש...

הערנדיק אַזאַ איינשלעפערנדיק טרייסט־וואָרט
האָב איך זיך געגלעט ס'זינדיקע בייכל,
געדאַנקט דעם בורא וואָס איך בין ניט קיין גאָט
און איינגעשלאָפן מיט מיינע צוויי
ערפּאַלגרייכע שותפים:
שכל און שמייכל.



# ביטריס בעקערמאַן

## דער הויקער

„מאַרקאָוו"? זאָגסטו. מאַרקאָוו — דער גרויסער מאַרקאָוו, איז דיין ברודער? אונמעגלעך!"

— פאַרוואָס אונמעגלעך? ווייל איך וואַרף נישט אַרויס די ברוסט מיט שטאָלץ און געוואַלדעווע נישט: „מאַרקאָוו, דער גרויסער, איז מיין ברודער; לאָזט מיך וואַרעמען אינם אָפּשיין פון זיין רום". דערפאַר גלויבט מען מיר נישט?

— הערט נאָר! קוקט נאָר נישט אויף מיר מיט אַזאַ רחמנות־פּנים. איך בין נישט משוגע. מאַרקאָוו איז מיין ברודער. און איר מעגט ביי דער געלעגנהייט שוין וויסן אַז הלואי וואָלט איך אים שוין קיינמאָל נישט געקענט. איר הערט? קיינמאָל נישט געקענט. אַ! איר מעגט אַלע אויפשטעלן אַ פּאָר אויגן אויף מיר און שאָקלען אייערע קעפּ, און שמייכלען אַזוי פון אויבן אַראָפּ, טראַכטנדיק זיך: „מאַרקאָוויטש, דער הויקער, נעבעך, פאַרציילט אונז שוין ווידער איינס פון זיינע מאָדנע מעשה'לעך. פּש־שאַ".

הלואי ס'וואָלט געווען אַ מאָדנע מעשה, און גאָרניט עפּעס אַנדערש! עפּעס זאָגט מען דאָך אַז הויקערס זענען בטבע נוקם־ונוטרס. קען זיין אַז עס איז טאַקע אמת. איך האָב פיינט מאַרקאָוו'ן, אויף אַזוי ווייט אַזשיק, אַז ווען ער וואָלט קיינמאָל מער נישט געקענט שפּילן אויפן טשעלאָ, וואָלט איך געווען העכסט צופרידן.

אַנו, נעמט אייערע שטולן נענטער־צו צום פייער, מענטשן, און לאָמיר פאַררוקן די גאַרדינען. דו, וואַסערמאַן, זעץ זיך אַריין אין דעם טיפן ווייכן שטול, מיר קעגנאיבער, אַזוי אַז איך זאָל קענען זען די זיך־טוישנדיקע אויסדרוקן אויף דיין פּנים, אינם ליכט פונם פייער; און איר, סאָניאַ און יעקב, זעצט איך אַוועק אויף דעם האַרטן קישן אויף דער פּאָדלאָגע. אָט אַזוי. און גלאָצט נישט אויף דעם ברייטלעכן שאָטן אויף דער וואַנט דאָרטן — איר קוקט בלויז אַריין אינם אָפענעם פייער און באַמיט אייך צו דערזען מיטן געדאַנק מיינע בילדער, וואָס איך מאָל דאָ פאַר אייך.

מיר זענען געווען קאָנקורענטן פון סאַמע אָנהויב — מאַרקאָוו און איך. איר מוזט וויסן אַז מיין מאַמע איז געשטאָרבן זער יונג; און מיין טאַטע האָט נאָך אַמאָל חתונה געהאַט. שפּעטער איז געבוירן געוואָרן גבריאל, מיין שטיף־ברודער. איך האָב אויף אים געהאַט קנאה. פאַרשטייט זיך, אַז מיין שטיף־מאַמע האָט איר גאַנצע ליבשאַפט אים אַוועקגעגעבן און מיך האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן און געקרענקט. ער איז שטענדיק גרייט געווען זיך צו באַהאַלטן אונטער זיין מאַמעס פאַרטוך, ביי דער מינדעסטער קריגעריי צווישן אונז.

זי האָט געוואָלט אַז איך זאָל נישט טון קיין שום זאַך אָן איר ווילן, און דעם מינדסטער סימן פון זעלבסטשטענדיקייט האָט זי באַקעמפט מיט איר כלי־זיין; יללות און טרערן.

דעמאָלט האָבן מיר געוואוינט אין דער איסט־ענד פון לאָנדאָן, און מיר זענען געווען זער אָרעם. מיין טאַטע איז געווען אַ הויזן־פּרעסער ביי אַ קליינעם שניידער אין איינס פון די ווייטשעפּעלער געסלעך. איך ווי ווייט כ׳קען זיך דערמאָנען איז מיין טאַטע שטענדיק געווען אין „סלעק־טיים“ (אַ צייט וואָס איז געווען ווייניק אַרבייטס־מעגלעכקייט), און ווען איינער פלעגט זאָגן: „נו, מענדל, ווי זענען עפּעס די געשעפטן?“ פלעגט ער הויבן די אַקסלען און זאָגן, אין אַ יאושדיקער שטימונג „סלעק, זער סלעק“. פאַראַן געווען אויך צייטן פון פולשטענדיקער אַרבעטסלאָזיקייט. דעמאָלט פלעגט ער זיצן אין דער היים און טראַכטן צו וואָס זיך צו נעמען. אין אַזאַ צייט פלעג איך מיט גבריאלן זיך אַוועקלאָזן צו אַלדגייט־צו פאַר אַ „מאָלצייט“. איר מוזט אייך פאָרשטעלן ווי מיר, צוויי קליינע, פאַרפרוירענע, פאַרהונגערטע קינדער, האָבן זיך געאיילט אַהינצו צום רעסטאָראַן פון פּיטער לוקכי, דעם איטאַליענער. ווי נאָר מיר פלעגן זיך דאָרטן דערנענטערן, האָט אונז אָקעגנגעשלאָגן אין אונזערע נאָזלעכער, אַן אַפּעטיטלעכער ריח — און דעמאָלט האָבן מיר לחלוטין פאַרגעסן אין די דיני־כשרות. מיר פלעגן צודרוקן אונזערע נעזעלעך צום דאַמפּנדיקן שויפענסטער פון פּיטער לוקכי׳ס רעסטאָראַן. אונזערע איינשלונגענדיקע אויגן זענען געווען ווי צוגעקלעבט צו די מאכלים פון קאַרטאָפל און וואורשטלעך, וואָס האָבן זיך לאַנגזאַם געפּרעגלט ברוינלעך אינם שויפענסטער פאַר אונזערע אויגן. דאָס פלעגט זיין אונזער באַליבטעסטער פּלאַץ אין לאָנדאָן — אַחוץ, אפשר, אין רעסטאָראַן אינעווייניק.

אָט האָט דער רעסטאָראַטאָר אומגעדרייט אַ פעט זאַפטיק וואורשטל.

„ דאָס כאַפּ איך!“ שריי איך אויס אַ דערהיצטער.

„ניין, דאָס געהערט מיר!“ ענטפערט באַלד גבריאל.

„איך האָב עס פריער געזען“.

„איך האָב צוערשט געזאָגט“.

„ליגנער!“

און מיר זענען שוין גרייט זיך צו שלאָגן ווען, פּלוצלינג, אַ לאַנגער, צווייִשפּיצנדיקער, זילבער־גאָפּל באַווייזט זיך פון ערגעץ־וואו, שטעכט זיך אַריין אין דער וואורשטל, און פאַרשווינדט דערמיט.

איך לאַך ווי אַ זיגער. דערמיט איז דאָס געשלעג איינגעשטילט איידער ס׳פאַלט נאָך דער ערשטער קלאַפּ.

„האַ! פאַרפרעסענער“, זאָג איך צו גבריאלן, אַ שטייגער איך וואָלט האָבן געוואונען די מחלוקת.

„האַ! גוי וואָס דו ביסט, טרפניאַק“, ענטפערט ער באַלד אין טריאומף. אָט דאָס געפיל פון געגנערשאַפט איז שוין געווען צווישן אונז פון תחילת אָן.

בשעת עס פלעגט זיין „סלעק“ איז דער טאַטע געגאַנגען צו אַן אויספאַרקויף פון פאַרשידענע אַרטיקלען. אָפט פלעגט ער דאָרט איינהאַנדלען פוילע מציאות. מיין שטיפמאַמע פלעגט דעמאָלט אַ שריי טון: „מענדל, דו וועסט אונז



נאָך רואינירן. פאַרוואָס קויפסטו די דאָזיקע אַלטע זאַכן? צי קענסטו דען זיי פאַרקויפן? זיכער נישט. אַ בלינדער וואָלט זיי נישט געקויפט. אוי־ווי! אוי־ווי!“ דערנאָך פלעגט זי זיך צעכליפּן און די טרערן האָבן זיך ביי איר אַזוי געגאָסן אַז גבריאל און איך האָבן אַזש אָנגעהויבן מיטוויינען מיט איר.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם טאָג ווען מיין טאַטע האָט אַהיימגעברענגט אַ ברודיקן, צעקלאַפּטן, אַלטן פידל־טשעלאָ, און עס אַנידערגעלייגט אויפן טיש, אַזאַ טריומפירנדיקער.

„ס׳זעט דאָך אויס ווי אַ טויטן־קאַסטן“ האָט מיין שטיף־מאַמע אַ געשריי געטון.

אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן צו ציען ביי די סטרונעס און ציען דעם פאַראַסטעט אַלטן סמיטשיק איבער זיי, זענען מיר, איך מיט גבריאלן, געווען אויסער זיך פון התפעלות. און עס האָט אונז געקיצלט צו שפּילן אויף דער פידל. מיין שטיף־מאַמע, אָבער, האָט בלויז געקוקט דערויף מיט ביטול, הויבנדיק איר׳ע אַקסלען. „דער מענטש איז משוגע“, האָט זי געזאָגט.

האָב איך ענק שוין דערציילט אַז מיר האָבן געוואוינט אויפן פינפטן שטאָק אין אַ לאָקאַטאָרן־הויז. הקיצור, די שכנים האָבן שוין נישט מער געוואָלט פאַרטראָגן צוצוהערן זיך צו די קרעכצן וואָס גבריאל און איך האָבן אַרויסגעקוועטש פונם טשעלאָ־פידל. ביידע האָבן מיר געטענהט אַז דער טשעלאָ געהערט זיך אַליין. ווען איך פלעג זען דעם סמיטשיק אין גבריאל׳ס הענד, האָט עס אָנגעהויבן וואָרפן מיט מיר און איך פלעג ווערן בלאַס פאַר כעס און שרייען: „לאָז צורו מיין אינסטרומענט!“

אויף דעם האָט ער זיך צולאַכט און מיט חוזק אַ זאָג געטון: „די מאַמע האָט געזאָגט אַז די פידל איז מיינע“.

ער האָט זאָגאָר געקענט אַרויסקריכן פון בעט פרימאָרגנס און אָנהויבן ציען די סטרונעס אונטער מיינע אויערן.

„ס׳איז מיין, דו הערסט? מיין!“ פלעגט ער מיר אַריינפּליסטערן אין אויער.

דעמאָלט פלעג איך זיך איבערדרייען אויף דער אַנדערער זייט און ברומען: „ליגנער, ס׳איז נישט אמת“.

אַזוי האָט עס נישט געקענט ווייטער אָנגיין. גבריאל און איך האָבן מיר זיך אויסגעשפּיגן די גאַל צוליבן באַזיץ פון דער טשעלאָ. ס׳האָט זיך דאָ נישט אַזויפיל געהאַנדלט וועגן דעם אינסטרומענט גופא, וואָס איז געווען די סיבה פון אונזער קנאה־שנאה, ווי גיכער דער סימבאָל וואָס די פידל האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט.

צו דעם אַלעמען איז נאָך צוגעקומען פון פוילן מאיר אַלטמאַן, זיין ווייב און קליינע טאָכטער פאַניאַ. מיין טאַטע, טראָץ זיין אָרימקייט, האָט געהאַט אַן אָפן הויז פאַר אַ סך פון זיינע קבצנישע לאַנדסלייט, וועלכע זענען געקומען פון פוילן זוכן זייער גליק אין ענגלאַנד.

פאַרשטייט זיך אַז די אַלטמאַנס זענען איינגעלאַדן געוואָרן צו וואוינען מיט אונז ביז זיי וועלן פאַרדינען אויף חיונה. דאָ איז שוין פאַניאַ געוואָרן אַ קעגנ־

שטאַנד פאַר סכסוכים צווישן אונדז ביידן. בכדי זיך צו איר צוצופּוצן, פלעג איך צו באַהאַלטן פאַר איר עטוועגן די געשמאַקסטע קיכלעך, וואָס מיין שטיף־מאַמע האָט געקענט אַמבעסטן באַקן, איינפּאַקן זיי אין אַ שיין ברוין פּאַפּיר־פּעקעלע, שעמעדיקערהייט עס אַריינשטופּן אין פאַניאַ'ס האַנט, און אַנטלויפן. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסער קרבן! אָבער מיינט איר אַז ס'האָט אַ סך געהאָלפן, ס'הויבט זיך נישט אָן. אַנשטאָט זי זאָל מיר געבן עפּעס אַ צייכן פון דערמוטיקונג, נאָכדעם ווי איך פלעג מיר אָנטון אַ כח און זיך צו איר דערנענטערן, האָב איך דערזען גבריאלן זיצנדיק אין אַ ווינקל פון דער שטוב, קייענדיק ווי אַ זולל־וסובא מיינע קיכלעך, בשעת פאַניאַ פלעגט זיצן און מיט אַ הנאה צוקוקן ווי ער פאַרשלינגט איטלעכן ביסן.

די אַלטמאַנס זענען ביי אונדז געווען צוויי חדשים, און ס'האָט נישט אויסגעקוקט ווי זיי וואָלטן זיך געהאַלטן ביי אַרויסציִען פון אונדז.

„מענדל", פלעגט מיין שטיף־מאַמע זאָגן, „דיינע לאַנדסלייט דאַכט זיך וואוינען שוין ביי אונדז אַ היבש שטיקל צייט. דו מוזט זיי בעטן זיך אַרויסציִען".

„אַרויסציִען", האָט מיין טאַטע געענטפערט, „וואו אַהין, נעבעך. מאיר וועט באַלד האָבן אַרבעט און דאַן וועט אַלצדינג זיין אַלרייט. דערווייַלע. . . ."

„דערווייַל", פלעגט דאַן מיין שטיף־מאַמע זאָגן, „עסן זיי אונדז אָפּ די ביינער. אויב דו וועסט זיי נישט געבן קיין וואונק — וועל איך עס טון".

פון דעמאָלט אָן איז זי געוואָרן קורץ און שאַרף מיט די אַלטמאַנס. זיי האָבן דערשמעקט איר תרעומות אויף זיי, פון דעם אופן ווי זי פלעגט אַ קלאַפּ געבן די טיר, און ווי זי פלעגט זיך מאַכן נישט הערנדיק ווען זיי האָבן צו איר גערעדט; מיט מיין שטיף־מאַמען איז נישט געווען גוט קרעפּלעך עסן!

אין אַ געוויסן טאָג בין איך מיט גבריאלן אַהיימגעקומען פון חדר, און ווי געוויינלעך, אַרויפגעלאָפן ווי משוגעים אויף די טרעפּ, צו דריי־פיר שטיגן אויף אַמאָל. יעדער פון אונדז פלעגט אָנווענדן אַלע כחות צו דערגרייכן דעם שפּיץ אַלס ערשטער. אויפן דריטן שטאָק זיינען מיר פלוצלינג שטיין געבליבן ווי פאַרגליווערט דורך דעם קלאַנג פון אַ זיסער, טיף־טאַניקער מעלאָדיע, וואָס איז אַפּנים געקומען פון אויבן. אַזוינס האָבן מיר קיינמאָל פריער נישט געהערט. ווען עס האָט זיך צו אונדז דערטראָגן די לעצטע שטאַרקע נאָטע, האָבן מיר זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן און איינצייטיק אויסגעשריִען: „מיין טשעלאָ!" ס'האָט אונדז ביידן גענומען בלויז עטלעכע סעקונדן צו געבן אַ פלי אַרויף צום 5־טן שטאָק און אַריין אין אונדזער שטוב. דאָרטן איז זיך געזעסן, אַליין, אין דער קליינער טונקעלער שטוב, מאיר אַלטמאַן, מיטן טשעלאָ אויף זיינע קניִען, און דעם סמיטשיק אויסגעשטרעקט אין דער לופטן. מיר האָבן זיך אויף די שפּיץ־פינגער צוגעשאַרט צום ווינקל פון דער שטוב און זיך דאָרט אַנידערגעזעצט. ער האָט ווייטער געשפּילט עפּעס אַ האַלב־פאַרגעסענעם העברעאישן ניגון, אַ שיינעם, אַ צאַרטן און טרויעריקן. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיין שיין, נזירות'דיק פּנים און די טונקעלע שאָטנס, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויף אים אינם שיין פונם אָפענעם פייער.



גבריאל און איך האָבן מיר יענע נאַכט געהאַט אונדזער ערשטע מוזיק־לעקציע, מאיר האָט זיך געפּרייט צו האָבן אַ געלעגנהייט צו קענען צוריק באַצאָלן כאָטש עפּעס פאַרן טאַטנס גאַסטפריינדלעכקייט.

ווי מיר האָבן זיך דאָס געלערנט שפּילן אויפן טשעלאָ! און די געשלעגערייען זיך צוצוכאַפּן צו דער פידל דער ערשטער!

במשך די קומענדיקע עטלעכע יאָרן האָט זיך כמעט קיין אינטערעסאַנטעס אין אונדזער הויז נישט אָפּגעשפּילט. מיין שטיף־מאַמע האָט געהאַלטן אין איין חלומען אַז דער טאַטע ווערט פלוצלינג רייך, וואָס איז געווען אוממעגלעך מיט זיינע נישט זאָרגנדיקע, אָפּגעלאָזענע דרכים. די „סלעק"־צייטן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל לענגער, און מיין שטיף־מאַמע איז געוואָרן אויפגערעגטער.

„די פרידלענדערס און די גאָלדשטיינס, ווי זיי האָבן זיך דאָס דעראַביִעט צו עפּעס אין דער וועלט", פלעגט מיין שטיף־מאַמע זאָגן. „אויטאָמאָבילס און צירונג און — און — קוק אויף אונדז!"

מיין טאַטע איז שטענדיק געווען אַ געלאַסענער, ניט קיין כעסן.

„אמת טאַקע, רבקה, זיי האָבן „קאַרס" און צירונג און אַנדערע זאַכן. אָבער, האָבן מיר דען נישט אונדזערע צוויי יינגלעך, זיי זאָלן לעבן און געזונט זיין? וואָס הייסט? מיט זייער טשעלאָ־שפּילן וועלן זיי נאָך אַמאָל מאַכן אַ פאַרמעגן פאַר אונדז".

„אַמאָל, אַמאָל", פלעגט זי איבערחזרן מיט חוזק. „דערווייל מוזן מיר אויך פון עפּעס לעבן".

גבריאל און איך האָבן מיר ביידע געוואונען „סקאָלאַרשיפּס" צו איינע פון די גרויסע מוזיק־אַקאַדעמיעס אין לאָנדאָן. מיר זענען נאָך אַלץ געווען פיינט־לעך־געשטימט איינער צום אַנדערן, זיך געשטשיגעוועט פאַרן ערשטן פּלאַץ אין די עקזאַמענס.

אַצינד, פאַרשטייט זיך, זענען שוין געווען צוויי טשעלאָס, און זיי זענען געווען אַ סיבה פון אַ סך מחלוקות צווישן אונדז. די מעשה איז געווען וואָס גבריאל האָט זיך איינגערעדט אַז מיין טשעלאָ איז געווען די בעסערע, הגם ס'איז געווען בלויז אַ נישטיקער אונטערשייד אין טאָן צווישן די צוויי טשעלאָס. ווען ר'האָט נאָר געקענט, פלעגט ער זיך צוכאַפּן צו מיין טשעלאָ און אויף איר שפּילן. דאָס האָט מיך אַריינגעבראַכט אין כעס. איר פאַרשטייט, אַ טשעלאָ איז ווי ייִין. מען טאָר עס נישט אויפשאָקלען.

ווען אַך בין אַלט געווען 41 יאָר, האָט פּאַסירט אַ שרעקלעכע זאַך. איר מוזט געדענקען אַז מיר האָבן נאָך אַלץ געוואוינט אויפן 5־טן שטאָק אינם לאָקאַטאָרן הויז. ווען איך פלעג אויף אים אַ קוק טון, האָט ער שטענדיק געהאַט אַזאַ וואויל־יונגערישן פינטל אין זיין אויג.

„ער פּלאַנעוועט שוין עפּעס", פלעג איך טראַכטן.

יעדער פון אונדזערער דירה איז געווען אין גאַס. ס'איז געווען אַ שיינער אָוונט. אין דער שטוב איז געווען אַ שטיקנדיקע היץ. איך האָב זיך געחזרט מיינע שול־לעקציעס פאַר־דער־היים, און האָב געגאַרט נאָך אַ ביסל פרישע

לופט. איך בין אַרויס אויפֿן באַלקאָן. איך האָב אַראָפּגעקוקט אונטן אין הויף אָדער שפּיל־פּלאַץ אַרום אונזער הויז. אַ גרויסער המון מענטשן זיינען אונטן געווען פֿאַרזאַמלט, מער ווי איך האָב אַמאָל געזען. זיי זענען געשטאַנען שטיל און אומבאַוועגלעך ווי דענקמעלער. עמיצער האָט אונטן געשפּילט אויף אַ צעל־לאָ, עפּעס אַ האַלב־פֿאַרגעסענעם העברעאישן ניגון. וואו האָב איך דאָס שוין אַמאָל געהערט? דעמאָלט האָב איך זיך דערמאָנט אין מאיר אַלטמאַן, און זיין שיינע צורה האָט זיך מיר אויסגעמאָלן פֿאַר מיינע אויגן.

אין מיין צוהיצטקייט האָב איך מיך אַרויסגעלענט ווייט איבער די באַל־קאָן־שטאַנגען. „מאיר, מאיר" שריי איך. „מאיר . . . ."

פּלוצלינג פֿיל איך אַ שמערץ, ווי עפּעס האָט זיך מיר אויסגעדרייט אינע־ווייניק, אַ קריץ, אַ געדעכעניש פֿון אויסגעשטרעקטע ווייסע פּנים'ער, און דאַן . . . בלאַנק.

זיי האָבן מיר שפּעטער פֿאַרציילט אַז אין מיין דעליריום האָב איך גע־שריען בלויז „מאיר, מאיר!"

ס'האָט געדויערט עטלעכע יאָרן ביז איך האָב געקענט אַרויס פֿון בעט — ווי איר זעט — אַ הויקער. בלויז איין טשעלאָ איז דאַן שוין געווען אין הויז — גבריאל'ס. אַ געוויסן טאָג האָב איך געבעטן מ'זאָל מיך לאָזן אויף איר שפּילן. זיי האָבן זי מיר געבראַנגט, אָבער איך האָב מער קיין שליטה נישט געהאַט אי־בער איר, און נישט געקענט אַרויסברענגען קיין מוזיק. דער סמיטשיק איז גע־פֿאַלן איבער די סטרונעס. איך האָב איבער איר נישט געהאַט קיין קאָנטראָל.

אין יענעם טאָג האָב איך געזאָגט צו גבריאל'ן: „שפּיל פֿאַר מיר דעם העברעאישן ניגון, וועלכן מאיר האָט געשפּילט מיט אַ לאַנגער צייט צוריק".

ער האָט בלויז אויף מיר געקוקט תמ'עוואַטע און האָט געשאָקלט זיין קאָפּ.

„ איך קאָן מיך נישט מער דערמאָנען", האָט ער געזאָגט.

„שפּיל עס, גבריאל", האָב איך שטרענג אַ זאָג געטון.

ער האָט דאַן געהאָרכזאַם גענומען דעם סמיטשיק אין דער האַנט און האָט אָנגעהויבן צו שפּילן.

„דו ביסט עס געווען, גבריאל, וועלכער האָט עס יענעם טאָג געשפּילט אין הויף?"

„יאָ".

גבריאל איז איצט דער גרויסער מאַרקאָוו, דער וועלט־באַרימטער טשעלאָ־איסט. מיין טאַטע איז געשטאָרבן פֿאַר אַ לאַנגער צייט צוריק, אינמיטן דער „סלעק"־צייט. מיין שטיף־מאַמע האָט איר אַמביציע דערגרייכט. איך בין — מילאַ, איר זעט דאָך.

פֿאַרגאַנגענע וואָך, האָט מיר דער גרויסער מאַרקאָוו צוגעשיקט אַ בילעט צו קומען הערן איינס פֿון זיינע ברייט־אַנאָנסירטע קאָנצערטן. איך בין געגאַנ־גען. ער האָט געוואוסט אַז איך געפֿין זיך דאָרט. ער האָט געשפּילט אַ טייערע אַלטע העברעאישע מעלאָדיע. ער האָט געוואוסט אַז איך געפֿין זיך דאָרט.

נו, וואונדערט עס אייך אַז איך האָב אים פֿיינט?

ײדיש נ. שט.



א. נ. שטענצל

## ערב־פֿרילינג סאָנעטן

„כשושנה בין החוחים — —"

ס'באַשניידט דער גערטנער מיט זיין גרויסער שער
פֿון אַלע זייטן די רויזן ביימן,
אַז וואָס געדיכטער זיי זאָלן קווייטן,
מוזן זיי באַשניטן ווערן וואָס מער.

גיי איך צווישן די קושאַקעס און קלער:
פֿאַרשניטן מ'האָט אונז פֿון אַלע זייטן,
צו אַ נייעם וווּקס אונז צוצוגרייטן — — — —
און ווי ערשטער טוי־טראָפּן פֿאַלט מיין טרער.

ס'קנאָספּעט אין מיר באַהאַלטענע פֿרייד,
פֿון אונזער אייביקן זיין דער באַשייד,
נאָר דער דאָרן אין האַרץ אַלץ שאַרפֿער שטעכט.

צווישן די פֿאַרשניטענע כ'וואָלט געוועז,
כ'מאַך די אויגן צו, די שער נישט צו זען —
איך שפּיר אויף מיין האַלדז אַ חלף וואָס שטעכט.

## ערב פֿרילינג ווינט

אַרויסגעלאָזענע סטאַדעס פֿון שטאַל אַרויס,
אין ווילד־טוליענדיקן געלויף און גע־יעג;
פֿאַרנט אַ קודלע־הונט שטעלט זיך אין וועג,
פֿון אונטן דער פּאַסטוך — אויסטערליש לאַנג און גרויס.

שפּרינגט אַ באַראַן ווי אַ צעמעקעטער פֿאַראויס;
נישט געפֿרעגט ביי קיינעם צי מ'טאָר צי מען מעג!
אַרויס קודם פֿון די סמוטנע חושך־טעג — —
אַזוי זענען די יאַגנדיקע כמאַרעס אויס.

ס'ציט זיך דער הימל אַ לאַנקע אָן אַ סוף,
און מיט אירע שעפּעלעך אַ מאַמע שאָף,
שלעפּט זיך נאָך מיט שווערע אייטערס פֿון הינטן.

פֿון געקוילעטער סטאַדע אַ געבליבענער
בלאַנקע איך אַרום אַ שעפּס אַ געטריבענער,
מרה־שחורה'דיק אין די פֿרילינג־ווינטן.

## נאָך אַן איינציקער פרילינג

ווי האָב איך, דיך באַוואונגען מאַמע ערד,
מיט דיר געשפּילט ווי אַ קינד מיט אַ באַלעם;
אַ פּיעדעסטאַל פאַר אַ העלד אַ גבר־אַלים,
דיין יעדער שפּאַן פאַר מיין וואַקל־טראָט ווערט.

ליגנדיק אין דיר פון ווערעם פאַרצערט,
כ׳וועל נאָך הערן דעם געזאַנג פון די גלגלים!
סאַ זאָל דאָך אַצינד, ווען באַלד שוין נאָכאַלעם,
נאָך אַן איינציקער פרילינג זיין מיר באַשערט.

נאָך איינמאָל לייבהאַפטיק זיין מיר געגעגט,
דיך אַרומצונעמען מיט מיינע הענט —
ס׳לעצטע מאָל אַ מאַמען ס׳נעמט אַרום אַ קינד!

און מיט געזעצטע זון, אויף שקיעה־זוים,
„קוקוק״ שפּילן פון אונטער יעדן בוים,
„באַפערלעך״ — מיט לויפנדיקן פרילינג ווינט.

## דאָס ביסעלע בלוי

מיט מיינע לאַנגע שוואַרצע וויעס
וויש איך פון הימל אַראָפּ דאָס גרוי,
און ער בלייבט אַלץ פאַרבליאַקעט אַזוי,
אַ פאַרכמאַרעטער אָן שום חיות.

ווי פון טובעס אַרויס איך צי עס,
פון מיינע אויגן דאָס ביסעלע בלוי,
און ווי געוויינט, פּונקט אַזוי געניי,
פאַרבליאַקעוועט ער בלייבט און מיאוס.

אָבער אַז איך בייג פאַרטיפט מיין קאָפּ,
צו דער גרוי פאַרשטויבטער ערד אַראָפּ,
מיטן טוי־געטריף פון מיינע אויגן,

צעקנאָספּעט זי אַזוי ליכטיק אויף —
יעדעס גרעזל קוקט צו מיר אַרויף,
ווי מיט אַ בלויען הימל פאַרצויגן.



## פיאַלקעס

ווידער בלייבסטו פאַר דעם וואונדער שטיין,
און דיין האַרץ זיך וואונדערלעך פאַרקלערט,
ווי אַזוי דורך שוואַרצער האַרטער ערד,
בלוילעך אויגעלעכעס, בלייבלעך און ריין,

פון אויגן אַ פאַרשלייערטער שיין,
באַהאַלטענערהייט בענקט און באַגערט,
און אין קאַלטעוואַטע האַרטע בערד,
בלאַנדזשען צאַרטע שמייכעלעך אַריין —

אין זילבער־לעטשלעך, אויף פינגער־שפּיצן,
פאַרביינעשוועבט מיט שאַריען־בליצן,
צוואַרפנדיק דיערע בלוי קלוגע בליקן;

אין מאַך, צופוסנס אין וואָרצל־געפלעכט,
ווען ס׳בלייבן בלוי אויף ערשטע פרילינג־נעכט,
געפינען די געליבטע, זיך צו־צו־שיקן.

## סקערצע

ס׳בלייבט זיך די זון, אַ פאַרשפּעטיקטע רויז
אַ גאַנצן ווינטער אַ פאַרשטעקטע אויפן קוזשאַק,
אַ קנאָספּע פּונקט ווען זי זיך געבן אַ צעקנאַק,
פון די אַראָפּפאַלנדיקע וואָלקנס אַרויס.

ס׳איז ערשטע רויז געוואָרן דער ערד אין שויס,
ווי ס׳דרייטלט זיך דאָס האַלב פאַרשעמטע איר ליגנקע באַק!
און די נאַכט, דער קאַוואַליר אין שוואַרצן פראַק,
געבויגן איבער איר אין זיין גאַנצער גרויס —

ווי אין שמעקעדיק פייכטע רויזן־בלעטלעך
אַ סיול־פאַרשלייערטע וואונדערלעך געטלעך
איז פרי־אויפגעוואַכטער פרילינג־באַגינען —

נאָר אַנשטאָט איר ליגנקע באַק איז עס די רעכטע
אַ האַלב פאַרשעמטע, פון טרערן אַ פאַרשוויצטע;
דער קאַוואַליר אין שוואַרצן פראַק אַנטרינען —

## בליענדיקע מאנדלביימלעך

א וואונדער אז דער הימל ווערט אזוי שיין,
ווען מיט איינגעפעדעמטע נאדלען צום שטריקן,
איבער שטריקרעמל מאנדל־ביימלעך זיך בוקן,
וואונדערלעכע דעסיינס הערלעך אויסצונייען;

א גאנצן טאג צוקוקן אזוי כ'קאן שטיין,
ווי שלאנק זיי בויגן זיך און ווי בלאנק זיי בליקן,
און פונם נעדעלעך־איפבליץ דאס ענטציקן,
איבער דעם ויידן־מארענעם בלאנקן ריין.

און די וואליטשקע צוגעקליבענע קאלירן!
עס ציקן דאס געשטריק ווי דורך מיינע געהירן,
מיינע בליקן מיט־איינגעהאפטן אין געניי.

זאל נאר אין אויג די פארגנבטע טרער,
דאס וואונדערלעכע נישט פארפלעקן מער —
ווי אן אויסגעהאפטענער אין ראמען איך שטיי.....

## דערוואַרטנדיק ערשטן שוואלבן אנפלי

א טרייסלדיקער אין פרילינג־ווינט איך שטיי —
א בוים פון ווארצל אונטערגעשניטן;
גאנצער ארום א פולער אין בליטן,
א ווייס־צעפלאטערטער אין צוויט־געוויי.

אין די נעכט, ווי צום ערשטן פרילינג־פארזיי,
אויף הימל ס'טוט ווער זשאנעס אויסשיטן!
און איך, אין דעם צעשטערטן נ'מיטן,
ווארט אין מיין פינסטערן וויאנענדיקן וויי.

אויף דעם טשוויטשריק־שטעכיקן שוואלבן אנפלי,
מיט זייער פלינקן אהין־אהער געצי,
זיי זאלן דעם געוואלט־ריס אין הארץ פארנייען —

איז וואס אזביימער אונטערגעשניטן זענען?
וויפיל פרישע צוריק־ארויסוואקסן קענען,
ווען קערנער זייערע אין ערד זיך פארזייען...



פּראָפ. דר. משה שאר

## היינריך (הירש) גרעטץ
## און די יידישע געשיכטשרייבונג

II

לאמיר איצט מאכן א פרואוו אפצושאצן דאס ווערק—די 12־בענדיקע „געשיכטע דער יודען“, וואס האט דערהויבן גרעטץ'ן צו דער מדרגה פון פאפולערסטען און באליבסטן יידישן היסטאריקער אין אונזער תקופה. ראשית־כל, מוזן מיר זיך קלאר מאכן, וואס דאס מיינט שרייבן א געשיכטע פון א 3000 יאריקן פאלק; א פאלק, וואס האט בלויז עטלעכע הונדערט יאר געלעבט קאנצענטרירט אין איין לאנד און איז איבער 2000 יאר צעשפרייט איבער פארשידענע לענדער פון דער וועלט. די אלגעמיינע היסטארישע געשעענישן האבן נאר געקענט דינען ווי ראמען, אין וועלכע דער היסטאריקער האט געמוזט אריינפאסן דאס בילד פון דער יידישער געשיכטע.

לאמיר געדענקען, אז ס'איז ניטא קיין איין פאלק אין דער וועלט, וואס האט ווען ס'איז געשפילט א מער־וויניק באדייטנדיקע ראלע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, מיט וועמען דער יידישער גורל זאל ניט זיין געבונדן; צי דאס איז מצרים אדער בבל אין טיפסטן אלטערטום, צי גריכלאנד אדער רוים — אין די שפעטערדיקע צייטן; צי דאס איז די קריסטלעכע אייראפע פון מיטלאלטער, צי די מוסולמאנישע אזיע אדער אפריקע — אט די אלע צענטערס פון מענטשלעכער קולטור האבן זיך געהאט באגעגנט מיטן יידישן פאלק אויף זיין לאנגן געשיכטלעכן וועג. די אלע מלוכות, קולטורן און פעלקער האבן ניט בלויז פון דרויסן משפיע געווען די גורלות פון אונזער פאלק סיי אין ארץ ישראל, סיי — שפעטער — אין די גלות־לענדער; זיי האבן אויך ארויפגעלייגט זייער טיפן חותם אויף דעם אויספורעם פון אונזער אייגנארטיקער קולטור. גענוג צו דערמאנען די געוואלטיקע השפעה פון בבל אויף דער קולטור פון ארץ ישראל; די ווירקונג פון העלעניזם אויף די רעליגיעזע שטראמען פון אלעקסאנדרישן יידנטום; דעם איינפלוס פון רוים אויפן יידישן חוק און משפט; די צווישן־פארבינדונג פון דער אראבישער און דער רעליגיעז־יידישער פילאזאפיע אין דער שפאניש־אראבישער תקופה; די טיפע שפורן פון דער נעא־פלאטאנישער פילאזאפיע אין דעם יידישן מיסטיציזם, וואס קומען אזוי בולט צום אויסדרוק אין קבלה — דאס זענען בלויז די עיקרדיקע גייסטיקע ריכטונגען אין יידנטום און זייערע בארירונגען מיט דער אלגעמיין־מענטשלעכער קולטור, וועלכע דער געשיכטשרייבער האט געמוזט האבן פאר זיין אויג, ווען ער האט זיך פארמאסטן צו שרייבן די אלגעמיינע געשיכטע פון יידישן פאלק!

צו דעם קומט נאך צו דאס כסדרדיקע שטודירן פון די געשיכטלעכע מקורים, כראניקעס, אקטן, דאקומענטן און נאטיצן, וואס זענען צעווארפן איבער אלע ווינקעלעך פון דער אלגעמיינער געשיכטע־ליטעראטור — אט דער

רוי־מאַטעריאַל פון היסטאָרישע פאַקטן און געשעענישן, וואָס מוז ווערן סיסטעמאַטיזירט, געאָרדנט און צוזאַמענגעבונדן.

אָבער דאָס אַלץ איז נאָר דער קאָרידאָר צום פאָרשערס וואַרשטאַט. ערשט איצט הייבט זיך אָן די ווירקלעכע, די אמת־שעפערישע אַרבעט פון געשיכטשרייבער. ווייל דערמיט שיידט ער זיך אונטער פון דעם געוויינטלעכן כראָניקע־שרייבער וואָס ער באַנוגנט זיך ניט מיט איינקלייבן לויזע פאַקטן און גרופירן זיי אין אַ געוויסן סדר, נאָר ער שאַפט פון זיי אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט; גיט זיי אַריין אַ צענטראַלע אידייע, באַשטראַלט זיי מיט זיין אייגענעם גייסט; לאָזט אַדורך די ליכט, וואָס שיינט אַרויס פון די פאַקטן, דורך דער פּריזמע פון זיין אייגענעם היסטאָרישן וועלט־באַנעם. און — אויב ער שרייבט די געשיכטע פון זיין אייגן פאָלק — אויך דורך דער פּריזמע פון זיין האַרץ, פון זיין עמאָציאָנעלער איבערלעבונג.

און דאָ קומען מיר צום קערן פון גרעטץ'ס פּערזענלעכקייט און איר עמאָציאָנעלער השפּעה אויף זיין שאַפונג.

איך מיין, אַז ס'איז ניטאָ קיין בעסערער וועג אַרויסצוברענגען בולט די שטריכן פון גרעטץ'ס פּערזענלעכקייט, ווי דורך אַן אַנאַלאָגיע צווישן אים און זיין פאָרגייער — דעם היסטאָריקער מרדכי יאָסט (1860־1793).6

אויך יאָסט'ס פאַרדינסטן זענען ניט קיין קליינע. זיין 9־בענדיקע „געשיכטע דער איזראַעליטן" (1829־1820), וואָס נעמט אַרום די חשמונאים תקופה ביזן 18טן יאָרהונדערט, האָט בשעתו, ווען דער באָדן פון יידישער היסטאָריאָגראַפיע איז נאָך געווען אַ קרקע־בתולה, פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ ווערק פון אויסערגעוויינטלעך גרויסער חשיבות; און זיכער ניט אומזיסט האָט מען יאָסט'ן געקרוינט מיטן נאָמען: „דער פאָטער פון דער נייסטער יידישער היסטאָריאָגראַפיע". היינט צו טאָג האָט שוין יאָסט'ס געשיכטע בלויז אַ היסטאָרישן ווערט. זי ליגט כאבן שאין לה הופכין אויף די פּאָליצעס פון יידישע ביבליאָטעקן און איז אפילו ניט דערגאַנגען צו די ברייטערע שיכטן פון דייטשישן יידנטום. דער געזונטער אינסטינקט פון פאָלק האָט אַרויסגעטראָגן זיין גערעכטיקן פסק־דין... יאָסט'ס געשיכטע איז געבליבן בלויז אַ ליטעראַרישע דערשיינונג; אויף דער פּסיכיק פון פאָלק, אויף זיין נאַציאָנאַלער וויטאַליטעט האָט זי קיין שום שפּורן ניט איבערגעלאָזט. פאַרוואָס? ווייל „די געשיכטע דער איזראַעליטן" האָט אונדז געגעבן אַ טויטן שקעלעט, ניט קיין לעבעדיקן אָרגאַניזם. עס האָט איר געפעלט די אינהייטלעכע גרונט־אידייע און, דער עיקר, די גייסטיקע המשכדיקייט, וואָס, סיי אין לעבן פון יחיד, סיי אין לעבן פון כלל, שטאַרקט זי דאָס באַוואוסטזיין פון אייגענעם איך און דערמעגלעכט תמיד אָפּצוזוכן דעם נאַציאָנאַלן יש, טראָץ דעם וואָס ער ווערט אָפט פאַרלוירן אָדער מטושטש אין פאַרלויף פון דורות. אין יאָסט'ס געשיכטע פעלט אָט דער פאַרבינדונג־רינג; יעדע תקופה הענגט ווי אין דער לופטן, האָט ניט קיין באַ־

6 מחבר פון דער ערשטער אַלגעמיינער געשיכטע — פון די חשמונאים ביזן 19טן יאָרהונדערט (9 בענד, 1829־1820).



העפט ניט מיט דער פריערדיקער, ניט מיט דער שפּעטערדיקער תקופה, עפּעס אַזוי ווי יידן וואָלטן געלעבט איזאָלירט אין דער וועלט, אָן אַ פאַרבינדונג צווישן זיך, אָן אַ שייכות מיטן כלל. קיינער, דוכט זיך, האָט ניט פאַראורטיילט יאָסט'ס געשיכטע אַזוי שאַרף און שטרענג, ווי גרעטץ אַליין:

Er hat die vieltausendjährige Helden-Drama in lauter Fetzchen zerrissen

(ער האָט די פילטויזנטיאָריקע העלדן־דראַמע פּשוט אויף שטיקלעך צעריסן).

צו דעם קאָנסטרוקטיון פעלער, וואָס איז אַ ריין־אָביעקטיווער פעלער, קומט נאָך צו אַ חסרון פון סוביעקטיוון כאַראַקטער: דער טרוקענער ראַציאָנאַליזם, פון איין זייט, און דער בכוונה'דיקער אָביעקטיוויזם, פון דער אַנדער זייט, וואָס אין תוך שטאַמען זיי ביידע פון דעם פאַרבאָרגענעם רצון פאַרצושטעלן אין אַ העלערן שיין די געשיכטע פון דער קריסטלעכער וועלט אין מיטלאַלטער. זיי ווייזן אָן אַ קעלט אויפן לייענער פונם געשיכטע־בוך און לעשן אויס אפילו דעם ניצוץ, וואָס די יידישע מאַרטיראָלאָגיע וועקט אויף אין דער נשמה פון אַ פרעמדן, אָביעקטיוון פאָרשער.

פאַרגלייכן מיר, פון דעם אויסקוק־פּונקט, גרעטץ'ס געשיכטע מיט יאָסט'ס ווערק, ווערט אונדז קלאָר, פאַרוואָס די ערשטע האָט מיט אַזאַ מאַגישער קראַפט צוגעצויגן די מוחות און הערצער פון יידישן פאָלק. גרעטץ האָט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס געשיכטלעכע דערשיינונגען באַנומען ניט נאָר מיט זיין מוח, נייערט אויך מיט זיין אינטואיציע, וואָס זי אַליין איז מסוגל צו דערהייבן דעם געשיכטשרייבער צו דער מדרגה פון אַ נביא. גרעטץ האָט געקוקט אויף דעם 3000־יאָריקן עבר פון זיין פאָלק דורך דער פּריזמע פון נצחיות. דער עבר מוז אויפקלערן דעם פאָלק די רעטענישן פון זיין הווה און ווייזן אים דעם וועג צום עתיד. אין דעם פּרט, האָט גרעטץ אָפּגעהיט די קלאַסישע צוואה פון משה רבינו: „בינו שנות דור ודור". מהאי טעמא, איז זיין געשיכטע ניט קיין קאַליידאָסקאָפּ, וואו בילד נאָך בילד וויקלט זיך פונאַנדער פאַר אונדזערע אויגן, נאָר אַ קרישטאָל־שפּיגל, וואָס שפּיגלט אָפּ מיטאַמאָל דאָס גאַנצע, און אונדזערע אויגן זעען יעדן איינצלנעם טייל, ווי אַן אָרגאַנישן באַשטאַנד פונם גאַנצן.

גרעטץ האָט ניט בלויז מיט די אויגן פון זיין קלאָרן פאַרשטאַנד אַריינגעקוקט אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון זיין פאָלקס־געשיכטע; ער האָט אויך אין די טיפענישן פון זיין נשמה דורכגעפילט און דורכגעווייטיקט די היסטאָרישע געשעענישן. יידישע געשיכטע איז פאַר אים געווען ניט קיין געביט פון אַרכעאָלאָגישע פאָרשונגען, ניט קיין בית־הקברות, וואו ער דאַרף, אַלס פאָרשער, פאַנאַנדערשיפרירן אָפּגעמעקטע, מיט שטויב פון דורות באַדעקטע מצבה־אויפשריפטן. יידישע געשיכטע איז געווען פאַר אים די magistra vitæ די לערערין פון לעבן, וואָס האָט באַדאַרפט אָנווייזן דעם פאָלק אויף זיין זכות־הקיום אין דער צוקונפט. זיין הייסע ליבשאַפט צום פאָלק, זיין אמתע אהבת ישראל האָט אים מעורר געווען צו שרייבן די געשיכטע פון ישראל.

אין אָט דעם נאַטירלעכן באַהעפט מיטן גורל פון פאָלק ליגט דער סוד פון גרעטץ'ס אויסערגעוויינטלעכער השפּעה אויפן יונגן דור. נאָר דער, וואָס האָט

געפלאַמט מיט אַזאַ ליבע צו זיין פאָלק, האָט געקענט אַרויסברענגען פון זיך אַ סטיל, וואָס זאָל אָנצינדן די הערצער פון זיין דור — אַ סטיל, וואָס איז, לויט ירמיהו'ס ווערטער „כפטיש יפוצץ סלע" (ווי אַ האַמער וואָס צעשטויסט פעלזן).

קלאָר, וואו ס'איז ליכט, דאָרטן איז שאָטן; דאָס ריזיקע ווערק האָט אויך חסרונות; עס שאַקירט אונז די דיספּראָפּאָרץ אין דעם היסטאָרישן אָפּשאַץ פון די גייסטיקע באַוועגונגען און שטראָמען, וואָס האָבן געווירקט אין משך פון דער געשיכטע; עס איז אונז פרעמד די קאָנצעפּציע פון דער יידישער געשיכטע, אַלס אַבסטראַקטער פּראָצעס פון גייסטיקער אַנטוויקלונג און נאָך מער פרעמד איז אונז דער חרם אויף אַלע ריכטונגען, וואָס האָבן אָפּגעווייכט פון דעם רבנישן וועג. מיר קוקן אויך גאָר אַנדערש אויף דעם קבלה־מיסטיציזם, אויף די משיחישע באַוועגונגען, אויפן חסידיזם אין פּוילן, אויף דער קהילה־אויטאָנאָמיע, אויף די קולטור־אויפטוען פון פּויליש־ליטווישן יידנטום. אָבער די אַלע חסרונות פאַרקלענערן לחלוטין ניט דעם באַדייט פון גרעטץ'ס געשיכטע־בוך. ניט געקוקט אויף אַ סך שווערע פעלערן, בלייבט דאָס ווערק, הן לויטן אינהאַלט, הן לויט דער קאָנסטרוקציע, אַ פּראַכטיקער, אַ וואונדערשיינער דענקמאָל.

די יידישע היסטאָריאָגראַפיע איז אין די לעצטע צענדליקער יאָרן געגאַנגען באַרג־אַרויף. ניט איין חסרון האָט זי אויסגעבעסערט, ניט איין בלויז אויסגעפילט. זי האָט אַריינגעפירט אין דער ספערע פון היסטאָרישע פאָרשונגען אַזעלכע נייע און וויכטיקע צווייגן, ווי עקאָנאָמיק, פאַקטאָריסטיק, סטאַטיסטיק; אָבער טראָץ דעם אַלעם, איז גרעטץ'ס געשיכטע ניט פאַרעלטערט געוואָרן, נאָר געבליבן דאָס קלאַסישע בוך פון יידישער געשיכטע.

קען דען זיין אַ גרעסערער שכר, ווי דער אַרעאַל פון אומשטערבלעכקייט, מיט וועלכן אונזער פאָלק האָט באַשאָנקען זיין גרויסן היסטאָריקער? געפירט פון געזונטן אינסטינקט, האָט דאָס פאָלק אים פאַררעכנט צווישן זיינע גרויסע לערער און דערציער, וועלכע דעקן אויף פאַרן פאָלק די סודות פון זיין עבר און ווייזן אים אָן, צוגלייך, דעם וועג צו זיין עתיד.

---

ווער פון אייך געדענקט ניט די וואונדערלעכע וויזיע פון יחזקאל הנביא? אין דעם טאָל פון די עצמות היבשות?

„היתה עלי יד ד'... די האַנט פון גאָט האָט אַרויסגעפירט דעם נביא אין מיטן פון אַ טאָל, און דער טאָל איז פול געווען מיט ביינער, און די ביינער זענען געווען זער פאַרטריקנט. האָט דער נביא צו די ביינער נביאות געזאָגט: „איר טרוקענע ביינער, הערט דאָס וואָרט פון גאָט; זעט, איך ברענג אַריין אין אייך אַן אָטעם, און איר וועט לעבעדיק ווערן". און אונטערן צויבער פון דעם נביא'ס וואָרט איז געוואָרן אַ גערויש, און די ביינער האָבן זיך גענענטערט ביין צו ביין, און אָדערן זענען אַרויף אויף זיי, און פלייש איז אַרויפגעוואַקסן, און אַ הויט האָט זיך אַריבערגעצויגן אויף זיי פון אויבן — נאָר קיין אָטעם איז ניט געווען אין זיי. האָט זיך צום צווייטן מאָל געלאָזט הערן דער קול פון נביא:



„פון די פיר ווינטן קום, דו אָטעם, און הויך אַריין אין די דאָזיקע טויטע, אַז זיי זאָלן לעבעדיק ווערן". איז דער אָטעם אַריין אין זיי, און זיי זענען לעבעדיק געוואָרן, און זיי האָבן זיך געשטעלט אויף די פיס, אַ זער גרויסע מחנה.

און צום דריטן מאָל האָט זיך געלאָזט הערן דער קול פון נביא: „זעט, איך עפן אייערע קברים, און וועל אייך, מיין פאָלק, אַרויסנעמען פון אייערע גריבער און אייך ברענגען אויף דער ערד פון ישראל".

* * *

די־אָ נבואה איז אַ צווייט מאָל מקוים געוואָרן אין דער געשיכטע פון ישראל. פאַר די אויגן פון דעם יידישן געשיכטשרייבער האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ בית־הקברות, באַדעקט מיט פאַרטריקנטע ביינער. אונטערן כישוף פון זיין וואָרט האָבן זיך די ביינער צונויפגעהאָפטן, און זיי האָבן זיך באַדעקט מיט פלייש און אָדערן, און אַן אָטעם האָט זיי באַלעבט — און ישראל האָט אויפגעוואַכט פון זיין שלאָף... און ווען ער האָט די אויגן געעפנט, האָט ער זיין בליק געוואָנדן צום לאַנד פון ישראל.

וואָס איז גרעטץ געווען פאַרן יידישן פאָלק?

טראַכט זיך אַריין אין יחזקאל'ס וויזיע, און דו וועסט געפינען די ריכטיקע תשובה.

פון פּויליש איבערזעצט: ל. פינעס

---

## שבתי שיינפעלד

### מיניסטער ר' איטשע מאיר*

אַז אין ארץ ישראל זענען געשען אָפענע תנ"כישע נסים, אַן יעדע הגזמה און אַן שום איבערטריבענער פאַנטאַזיע, איז היינט־צו־טאָג יעדער גלויביקער און פרייער מודה; זענען די יידישע באָמבעס, וואָס זענען געפליגן העכער פון די הויכע אימפּעריאַלע און וועלט־הערשענדע פליה־מאַשינען און זיי אַן אייגענע פאַרלוסטן צושמעטערט, זענען זיי דען אַנדערש ווי די תנ"כשע „אבני־אלגביש", אָדער איז דען די מהומה, וואָס האָט פּלוצלונג בעפאַלן די מיליאָניגע מחנות פון די פיער־זייטיקע אַרומרינגענדיקע אַראַבער מיט דער אונטערשטיצונג פון די גרויסע וועלט־כחות, אַנדערש ווי די תנ"כישע מהומה וואָס האָט בעפאַלן די מחנות פון מעכטיגן אשור; אָדער שטייען דען די גבורות פון די אויסגעפייניקטע, אויסגעהונגערטע אויסגעהוילטע קרימאַטאָריע־רעשטלעך נידריגער פון די גבורות פון די תנ"כישע דוד'ס, שמשון'ס, אבישי'ס און שפּעטערע שמעון־בר־גיורא'ס א.ז.וו.?

אַט אַזוי קען מען ציהען און ציהען די אומענדליכע „גאָלדענע קייט" פון

* מיר דרוקן גערן אָפּ דאָס אַרטיקל, ווי אַן ערגענצונג צו ש. ערנסט'ס אַרטיקל איבער די יידישע מיניסטאָרן פאַריקן חודש אין „לשון און לעבן".

נסים און נפלאות, וואָס זענען געשעהן און געשעהן נאָך איצט אין אונזער ישראל.

און צווישן אלע נסים או אומנאַטרליכע ערשיינונגען איז בלי־ספק אויך די הערליכע ערשיינונג וואס אין יידישן ערשטן קאַבינעט זיצט א מיניסטער „איטשע מאיר".

וואו איז פערהאן א גרעסערער און בולסטער סימבאל פונם אזוי אויס־געאיידעלטן פוילישן אידענטום ווי דער בלויסער נאמען „איטשע מאיר" שטעלט מיט זיך פאר?

מיין חבר בנימין מינץ, אגב אויך א מיטגליד פון דער יידישער רעגירונג האט מיר דערציילט אט דעם כאראקטעריסטישן קוריאז: יצחק גרינבוים וואס האט זיך אין פוילן קונה־שם געווען מיט זיין קאמף געגן דאס ארגאניזירטע רעליגיעזע יידנטום, פון וועלכען ר' איטשע מאיר לעווין איז געווען דער מנהיג, האט דאגעגן אין ארץ ישראל כמעט בלינד אונטערשטיצט דעם זעלבן ר' איטשע מאיר אין זייער צוזאמענארבעט אין דארטיקן ועד־הצלה. אויף די פראגע פון זיינע חברים היתכן? האט ער אמאל מאטאווירט זיין פארענדערטע באציאונג: ערשטנס איז ער דאך סוף־כל־סוף א פוילישער ייד, שנית איז ער דאך געווען א מנהיג פון אן ארגאניזירטן קבוץ פון פוילישע יידן און שלישית, וואָס איז טאקי דער עיקר הייסט ער דאָך איטשע מאיר.

אט די לעצטע גרינבוימישע מאטיווירונג ענטהאלט אין זיך טאקי זין און באגריף: מען קאן געפינען יצחק"ס ביי אונגארישע יידן, מען קאן געפינען מאיר'ס ביי דייטשע יידן, מען קאן געפינען יצחק־מאיר'ס ביי ליטווישע יידן און אפילו איטשע'ס ביי גאליציאנער יידן, אָבער איטשע־מאיר'ס קאָנט איר נישט בשום אופן נישט געפינען נאָר איינציק און אַליין ביי פוילישע יידן.

און טאקי דער היינטיקער „שר־הסעד" (וואוילטעטיגקייטס מיניסטער) ר' איטשע מאיר איז דאך טאקי נישט קיין אנדערער ווי דאס אייניקל פונם שר התורה און שר־החסידות, דער ערשטער פוילישער איטשע מאיר, בעקאנט אונטערן נאמען „חדושי הרי"ם".

און ווען מען וויל זיך פארגעגנווערטיקן דאָס נס וואָס איז דא געשען מיט אונזער איטשע מאיר'ן ברויכט מען נאר געדענקען אז דער זעלבער איטשע מאיר וואס האט אין „נארמאלן" פאר מלחמה'דיקן פוילן מורא געהאַט פארן שאטן פון א שקצ'ל פון אַ סטרוזש און ממש מיט דרך־ארץ אפגעטראָטן דעם וועג פארן מינדסטן פוילישן גוי, איז היינט מיניסטער אין א קאבינעט פון א רעגירונג מיט וועלכע די אומות העולם רעכענען זיך, און שונא־ישראל שרעקן שוין ב"ה די וועלט „ישראל עליך פלשתים" שטאט טויזנט־יאריקע שרעק און ציטער „פלשתים עליך ישראל".

מיר אין לאנדאן האָבן לעצטנס מיט עטלעכע יאר צוריק, דא געזען און געהערט אונזער ר' איטשע מאיר'ן, דעמאלט האט ער ביי יעדן ארויסגערופן ווי דער אויסדריק פון יידישן צער און יידישן אומעט, אין די טיפע קנייטשן פון זיין הויכן שטערן זענען געווען איינגעקריצט די ליידן פון גרויסן חורבן



ווישענדיק זיך זיינע אויגן ווי וועלן אויסקווישן די אייביקע טרערן פון זיין פאָלק ישראל, און אויף זיינע איינגעבויגענע פלייצעס מיט דער צעקנייטשטער האלב־גרויסער באָרד האט ווי געהויערט א שטיק פון דער גרויסער פאָלקס־קאטאסטראפע.

און איצט וואס פאר א נחת שעפט מען ב"ה זעהענדיק אין די קינאָס, צווישן אלע יידישע מיניסטאָרן, זיצן דעם זעלבן איטשע מאיר עפּיס ווי אויס־געגלייכט, די באָרד לענגער, שענער, שווארצער און אפילו דאָס קאפּעל אויפן קאָפּ שטייף, הויך פול מיט ווירדע און יידישן כבוד.

אַלס אַ זון פונם גרויסן אוהב־ישראל, און אפשר גאר פון אוהב־אנשיות, דער בענדינער רב זצ"ל האט ער אין זיך פאראייגנט די שיינע יידישע מדה פון „מקבל־כל־אדם־בסבר־פנים־יפות", וואס קומט אמבעסטן צונוץ אלס מי־ניסטער פאר סאציאלע וואוילטעטיגקייט.

די קאַריערע פון ר' איטשע מאיר לעווין, האט זיך אנגעהויבן מיט פירן פּאָליטיק אין גערער הויף, ווי דער איידים פון גערער רבין זצ"ל. דאן איבער־געגאנגען אין ברייטערן מאסשטאב אין דער אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאציע אגודת ישראל, פון וועלכער ער איז באלד געוואָרן איר וואָרט־פירער און ממלא־מקום פון לובלינער רב אַלס פרעזידענט פון אגודת ישראל אין פוילן און וויצע־פרעזידענט פון דער אגודת ישראל וועלט ארגאניזאציע.

ווי האָבן מיר דאָס אין אונזערע קינדער־יאָרן זיך גע'נחת'ט מיט אונזערע אמאָליקע מיניסטאָרן אין פרעמדע רעגירונגען ווי דער אברבנאל, ר' שמואל הנגיד, רמב"ם, ר' יהודה הלוי און ווי האָבן מיר זיך פארגעשטעלט זייער פיזיא־נאָמיע, עפּיס מיט צילינדערס, לאנגע פאלערינעס, געקרייזעלטע לאָקען, שיין אויסגעקעמטע בערד, גאלדענע קנעפּ, הויכע לאַק־שטיוועלעך, לכל הפחות ווי אַ שיינער ליטוואַק, אבער אַז אַ „ר' איטשע מאיר" מיט פאות ארומגעבונדן אונטערן היטל, מיט אַ לאנגע יידענע יופּיצע און אַ שבת'דיק שטריימל אויס־געקנאַטן אין שפּת־אמת'דיק חסידות, דאס האט זיך אפילו די רייכסטע קינ־דישסטע פאנטאזיע נישט געקאנט פארשטעלן.

און אויב עס איז א פאקט, אז ר' איטשע מאיר איז היינט מיניסטער איז עס זיכער איינס פון די פילע נסים, פון וועלכע מיר האָבן זוכה געווען בע"ה צו זיין לעבעדיגע עדות.


„דאָס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראם"
די נייע פּאעמע פון די דיכטערין חוה ראזענפארב

צו באַקומען ביי:

MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1

— פרייז 5/6 —

ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי.

## מאיר טויבנהויז (צפת)

# א סדר אוונט מיט דר. הערצל

א ליכטיקע עראינערונג פון אַ פסח אָוונט מיט דר. הערצל, אין וועסטליכן וויען,ביים דאָרטיקן „ספרדישן ראָטשילד״

אין דער גרויסער פערזענלעכקייט ליגט באַהאַלטן עפּעס אַ סוד, אַ מיסטעריע, ווי דו זאָלסט נישט צוגיין צו איר ווערסטו דערשטוינט. ביי מיר אין זכרון לעבט דר. הערצל ווי אַ נעפּלהאַפט בילד. אין יידישן כאַאָטישן לעבן איז ער געקומען ווי אַ גדול, געבראַכט אין דער יידישער גאַס די בשורה פון דער גאולה.

פלעגט קומען דאַן אַ יום טוב האָט עס אים געצויגן צו אַן עקזאָטישע סביבה, וו ס׳זענען אָפּגעהיט אַמאָליקע יידישע מנהגים. דערמאָנט זיך מיר איצט ווי אַ ליכטיקע עראינערונג ווי דער העברעאישער שרייבער ראובן ברייניז, רעדאַקטאָר פון העברעאישן חודש זשורנאַל „ממזרח וממערב״, וואָס איז אַרויס אין וויען, האָט מיך געבראַכט צו אַ סדר אָוונט ביים „ספרדישן ראָטשילד״.

וויען פון דעמאָלט איז געווען אַ שטאָט אַ ליכטיקע. איך בין געווען אויף מיין נסיעה פון צפת אין דער גרויסער וועלט. איז עס נאָך געווען מיט יאָרן צוריק, פאַרן אויסברוך פון דער וועלט מלחמה. די וועלט איז דעמאָלט געווען רואיק, פיש־שלווה׳דיק. אַ רואיקייט איז געווען ווי אויסגעגאָסן אויף דער געמיטלעכער שטאָט וויען, וו ס׳איז מיר אויסגעקומען אָפּצוריכטן דעם סדר ביי אַ ספרדישער פאַמיליע.

ראובן ברייניז, וואָס האָט אַזוי שיין באַשריבן דעם סדר פון דעמאָלט האָט מיך דאַן באַקאַנט מיט אַ ליכטיקע פערזענלעכקייט, דוד היינריך מילער, אַ פּראָפעסאָר, געבוירן אין גאַליציע, בוטשאַטש, וואָס האָט ליב געהאַט אָריענטאַלישע מנהגים און ער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס איך בין אַ גאַסט פון ארץ ישראל, אַזש פון דער שטאָט פון די מקובלים צפת און צוזאַמען מיט ראובן ברייניז זענען מיר פאַרבעטן געוואָרן אַלע דריי צום סדר ביים ספרדישן גביר, וואָס האָט געשטאַמט פון ארם צובא (אַלעפּפּאָ), און האָט געע׳שמ׳ט ווי דער ספרדישער ראָטשילד. און דאָ, האָבן מיר געטראָפן דעם אומשטערבלעכן ציון־מנהיג דר. הערצל. און אונזערע אויגן זענען ביי סדר געווען געווענדעט צו אים, וואָס איז געווען אַזוי שיין ווי אַן אַמאָליקער קעניג פון אשור.

דר. הערצל האָט אַזוי אַרויסגערופן אונזער אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און אָט פאַרוואָס: ער איז דאַן געקומען אין אַ צייט ווען נייע גאָלדענע בריקן האָבן זיך אָנגעהויבן בויען איבערן תהום פון יידישן לעבן, וואָס איז געלעגן צווישן אונזער פאַרגאַנגענהייט און אונזער צוקונפט. עס האָט זיך אין זיין פערזענלעכקייט ענטפּלעקט די קראַפט וואָס איז דער צעמענט. מיר האָבן דעריבער געשעצט ווי ער ריכט אָפּ דעם סדר, אויפזוכנדיק די קערענדלעך פון דער



יידישער טראַדיציע. פאַנטאַסטיש תמימות׳דיק איז ער געקומען מיטן „נעשה ונשמע״.

פאַר ראובן ברייניז, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט געקליבן צו ווערן דער ביאָגראַף פון דר. הערצל, איז דער דאָזיקער סדר־אָוונט געווען ווי אַ התגלות.

אָט ווי ברייניז שילדערט דעם דאָזיקן אָוונט:

„אַ הויז — אַ פּאַלאַץ, אָריענטאַלישע אַרכיטעקטור. ארום אַ גאָרטן מיט עקזאָטישע, אויסטערלישע פלאַנצונגען, אַ מזרח־ווינקל אין וועסטלעכן וויען.

„די אינוויינקסטע אַרכיטעקטור אין ריזן יידישן שלאָס: אַ געמיש פון מיטלאַלטער און מאָדערניטעט. הויכע, ווייסע, גרויסע זאַלן און אויך נידריקע, געוועלבטע מיט געדרעקסעלטע מאַרמאָרנע זיילן.

„אין דער וווּנדערבאַרער, צויבערהאַפטער איינריכטונג, מעבלירונג, טאַפּעצירונג און ד.גל. פיל טראַדיציע און ניט ווייניקער פערזענלעכער געשמאַק און אויך פערזענלעכער קאַפּריז. דעסקרעט און דאָך זער דעקאָראַטיוו: נסתר און נגלה, פאַנטאַזיע און רעאַליטעט; קונסט טרוימערײַ, פּאָעזיע, אילוזיע און ניכטערקייט, מאָדערנע באַקוועמליכקייטן — אַלץ צוזאַמען אויסגעמישט.

„אויף אַלע טירן מזוזות אין קונסטפולע אַלט־זילבערנע שיידן, ניט ווייט פון די מזוזות, פון וועלכע עס זעט זיך אַרויס דער שדי, הענגען אויף די ווענט בילדער פון נאַקעטע פרויען, ניט אין באַזונדערס צניעות׳דיקע שטעלונגען, אָדער ליגונגען.

דער ספרדי, וועלכער האָט געשיקט צו מיר אין האָטעל זיין אויטאָמאָביל מיט זיין גריכישן שאָפער, און זיין פרוי, אַן עכט־אָריענטאַלישער טיפּ, האָבן מיך באַגעגנט ביים אַריינגאַנג מיט אַ ברייטן ברוך הבא, מיט אַלע אויסגעזוכטע פסוקים פון העפלעכקייט און גאַסטפריינדשאַפט.

„די זאַלן זענען געווען באַלויכטן מיט פאַרשידענע עלעקטרישע, צויבערפולע עפעקטן, יום־טוב׳דיק אין אַלע ווינקלען.

„קעגן פערציג געסט זענען געווען איינגעלאַדן ביים סדר. איך האָב אָנגעטראָפן אַלטע ווינער באַקאַנטע, ווי אויך גאַנץ אומבאַקאַנטע, וועלכע מ׳האָט מיר פאָרגעשטעלט מיט זייערע פאַרשידענע טיטולען: פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, באַנק־דירעקטאָרן, אַ פאָר ראַבינערס, אַ פאָר יידישע געלערנטע, אַ באַרימטן שוישפּילער, אַ באַקאַנטער מאָלער, אַ באַרימטער סקולפּטאָר — קורץ געזאָגט: פאָרטרעטער פון דער וויסנשאַפטלעכער וועלט, פון דער קונסטוועלט (עס האָט נישט געפעלט אויך אַ פוטוריסטישער דיכטער) און פון דער פינאַנץ וועלט, די מייסטע מיט זייערע פרויען, וועלט־דאַמען, ווינער און געסט פון אַנדערע לענדער, ספרדים און אשכנזים.

„אַ געקליבענע, אויסדערווײַלטע און פילפאַרביקע געזעלשאַפט״.

ווי כ׳האָב מיך שפּעטער דערוווּסט, זענען געזעסן ביים טיש צום סדר: הערמאַן באַהר, הוגא פאָן האָפמאַנסטאַל און נאָך אַזעלכע הויך־געשעצטע פערזענלעכקייטן פון דער סאַמער סמעטענע פון ליטעראַרישן וויען. זיי זענען אַלע געזעסן מיט אונז ביים סדר. דער האַלב־רונדער טיש איז געווען זער רייך גע־

דעקט. פיל פרישע בלומען, שווערער זילבער, עס־כלים פון אַלטע מייסטער, באַלאַסטעט מיט לעגענדעס, דער פיינסטער קרישטאַל, פאַיאַנס געמאָלט מיט מעשיות פון דער הגדה און אַנדערע זעלטענקייטן.

דער בעל־הבית און אַ ספרדישער רב זענען געזעסן אין דער מיט אין לאַנגע, ווייסע, זיידענע קיטלען און אין גאָלד־אויסגעשטריקטע יאַרמולקעס. דער געווינלעך לוסטיק־לאַכנדער פנים פונם בעל־הבית האָט פלוצלינג אָנגענומען אַן ערנסטן, קאָנצענטרירטן אויסדרוק פון אַ אָריענטאַלישן קאַליף. לעבן אים איז געזעסן זיין פרוי, אַן אויסערגעוויילעכע שיינקייט, אָנגעלאָדן מיט שווערן זעלטענעם און טייערן צירונג, לאַנגע שנירלעך פון גרויסע, אויסגעקליבענע פערל, לאַנגע בריליאַנטענע און שווערע אויערינגלעך און אינגאַנצן באַשאָטן מיט פינקלדיקע דימענטן. זי איז געזעסן מיט אַ מינע פון לייטזעליגקייט און גנאַד, ווי אַן עכטע מלכה אין די מעשה׳לעך.

לעבן יעדן פון די געסט איז געלעגן אַ גרויסע הגדה, פון זעלטענעם דרוק, מיט צייכנונגען און געמאָלטע אָנפאַנגס־בוכשטאַבן, הגדות פון אַלטע צייטן, אין געקוועטשטן לעדער געבונדן. אַלע געסט זענען געזעסן אין צילינדער־הים.

אַ אינגעלע פון אַ יאָר צוועלף, דער זון פונם בעל־הבית, אין ווייכע, פאַרבן־זיידענע קליידער — ווי אַ כינעזישער פרינצל — האָט געפרעגט די פיר קשיות מיט דער עכט ספרדישער, זינגענדער, קלינגענדער הברה (באַטאָנונג). די עלטערן האָבן געקוקט מיט שטאָלץ אויף זייער יינגל, וואָס האָט אַזוי וויל, אַזוי שיין אָפגעזאָגט דעם מה נשתנה.

דער ספרדישער רב, וואָס איז צוגלייך אויך אַ חזן, האָט פאַרגעזעצט מיט אַן אַראַבישן מאַנאָטאָנעם ניגון די הגדה. אַנדערע שטעלן אין דער הגדה האָט ער דעקלאַמירט מעשה קינסטלער. דער שוישפילער פון בורג טעאַטער האָט געוואָלט פאַטשן בראַוואָ דעם „דעקלאַמאַטאָר“. אַ בליק אָבער פונם בעל־הבית האָט אים אָפגעשטעלט.

די מייסטע געסט, די מענער, האָבן שטיל, שווייגענד, אַריינגעקוקט אין די הגדות און זיך געלאַנגווייליקט. אַנדערע פון זיי זענען געזעסן פאַרטראַכט, פאַר׳חלומ׳ט ווי אַרבערגעטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ וועלט פון לעגענדעס, פון צויבער, פון וואונדער, פון גרויסע געשייענישן. מיט נייגיר האָבן זיי אַלע באַטראַכט די אומגעוויילעכע צערעמאָניע פון סדר. עס האָט זיך אין זיי עפעס געוועקט פאַרגעסענע, פאַרשלומערטע, ווייט־ווייטע נאַציאָנאַלע עראינערונגען, געפילן פון צער און פון שטאָלץ, פון פאַרשקלאַפונג און פון פרייהייט.

שטיל איז געוואָרן און אַן אמת׳ע יום טוב׳דיקע שטימונג בעת ביים כוס אליהו צו שפוך חמתך האָט מען געעפנט די שווערע געשניצטע טירן. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט אין אַ זער ווירדיקער און גייסטיק געשפאַנטער פאָזע. טראָץ דעם ניכטערן, מאַטעריאַליסטישן דענקען און פילן פון די מייסטע געסט, איז דאָך דורכגעפלויגן אַ געהיימניספולער ציטער, ווי די באַרירונג מיט אַן אומזיכטבאַרער וועלט.



# יחזקאל נח ערליכמאַן

## לכבוד פסח

### 1. נשים צדקניות

אַ רב אין אַ פוילישע שטאָט, ערב פסח. נאָך דעם „סיום“ פאַר די שטאָט בכורים, כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן פאַסטן, און נאָך מכירת חמץ צום שטאָט גוי, ר׳האָט אויך שוין געהאַט מקיים געווען די מצוה פון שרפת חמץ, האָט ער זיך געטראַכט, אַז יעצט האָט ער די רעכטע געלעגנהייט צו האָבן אַ פאָר רואיקע שעה.

דען יעדער ווייסט דאָך די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט מיט די גרויסע טרחה, וואָס ליגט אויף אַ רב פאַר פסח. ער מוז האָבן די השגחה אויף די מצה־בעקערס. ער מוז זען, אַז די שפייז־קרעמלעך זאָלן האָבן אַלע אַרטיקלען „כשר לפסח“ און ועל כולם, צו ענטפערן אויף די פילע שאלות, וואָס קומען פאָר אין אַ היימישע יידישע שטאָט.

עס זענען גראַד אַריינגעקומען צו אים צוויי חשובע בעלי בתים. האָט ער זיך פאַררויכערט זיין לאַנגען לולקע טאַבאַק, גאַנץ ברייטלעך געזעצט אויף זיין שטול, און גערעדט מיט זיי פון פאָליטיק און אַנדערע פאַרשידענע וועלט נייעס.

נאָר דאָ קומט אַריין די רבי׳צין, און זאָגט אים, אַז עס פעלן איר אויס נאָך אַ פאָר נויטיקע זאַכן, און פאַרלאַנגט פון אים דאָס נויטיקע געלד. דער רב האָט איר דערלאַנגט די פאָר רובל וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אין קעשענע, אָבער זי זעט, אַז עס איז ווייט נישט גענוג, און זי דאַקוטשעט אים, ער זאָל איר מער געבן.

דער רב נעבאָך וואָס האָט שוין איר אָוועקגעגעבן דעם גרעסטן טייל וואָס ער האָט געדענקט אויסצוגעבן פאַר זיינע אייגענע הוצאות, האָט זיך געווענדעט מיט אַ שמייכל צו די בעלי בתים, און זאָגט צו זיי: עס איז אַ פלא והפלא (וווּנדער איבער וווּנדער). ערשט מיט אַ שעה צוריק האָב איך פאַרקויפט דאָס גאַנצע חמץ פון מיינע בעלי בתים, און פון מיין אייגן חמץ — אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויף דער רביצין — קאָן איך גאָר נישט פטור ווערן.

די רביצין — אַ בת תלמיד חכם — האָט פאַרשטאַנען דעם וויץ. איז זי אים נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער, און זאָגט צו אים: „וועגן דעם חמץ דאַרפסטו זיך גאָרנישט זאָרגן, ווייל מיין פאָטער ע״ה, האָט עס שוין לאַנג פאַרקויפט צו דעם גוי“ — אָנווייזנדיק מיט איר האַנט צום רב.

דער רב מיט די בעלי בתים האָבן זיך שטאַרק צולאַכט פון דעם קלוגן ענטפער און באין ברירה, האָט ער שוין געמוזט איר אָוועקגעבן דעם גרעסטן טייל פון דעם וואָס ער האָט געוואָלט האַלטן פאַר זיך.

און נאָך דעם ווי די רביצין איז אַרויסגעגאַנגען, ווענדעט זיך דער רב צו די בעלי בתים און זאָגט: „עס איז נעבאָך צו באַדויערן, וואָס די זעלבע סצענע קומט פאָר אין אַ סך יידישע הייזער, פאַר פסח. די הוצאות זענען גרויס און עס איז שווער אַלעם נאָכצוקומען. און דעריבער בין איך מלמד זכות אויף דער רבי־

צין און אויף אַלע גוטע און פרומע ווייבער, אַז דאָס וואָס זיי דאַקוטשן אַזוי זייערע מענער, איז זייער הויפּט כוונה, כדי זיי זאָלן זיין זיכער מיט אַ גאולה שלימה. ווי איך וועל דאָס אייך באַלד ערקלערן.

ווייל עס איז פאַראַן אַ מדרש, אַז יידן זענען געוואָרן אויסגעלייזט פון מצרים, אין זכות פון די נשים צדקניות. כ׳האָב דעם מדרש זיין אין פלוג נישט געקאַנט פאַרשטיין, האָט דען דאַמאָלט אויסגעפעלט מענער צדיקים ? מיט וואָס האָבן זיך דאָס די פרויען אַזוי אויסגעצייכנט, אַז נור אין זייער זכות זאָלן יידן אויסגעלייזט ווערן ?

נאָר עס איז דאָך באַוווסט, אַז יידן זענען געווען אין מצרים נאָר 210 יאָר. און ווייל השי״ת האָט דאָך געזאָגט צו אברהם אבינו, אַז יידן וועלן זיין אין גלות 400 יאָר, איז דעריבער געווען אַ גרויסער קטרוג אויף יידן. ווייל דער שר של מצרים האָט געטענה׳ט, אַז די צייט איז נאָך נישט געקומען, אַז די יידן זאָלן שוין אַרויס פון גלות.

דער מליץ יושר (מלאך מיכאל) איז אַרויסגעקומען מיט דער טענה פון „קישוי השיעבוד" דאָס הייסט, אַז די שווערע ארבייט וואָס מצרים האָט אַרויפגעלעגט אויף יידן, האָט אַסך צוצוגעבן צום רעכנונג פון 400 יאָר. אָבער דער שר פון מצרים האָט געשריגען, אַז די אַרבייט איז גאָר נישט געווען אַזוי שווער אַז עס זאָל דעקן די גאַנצע 190 יאָר. און דעריבער דאַרפן יידן צו זיין נאָך אַ לאַנגע צייט אין מצרים.

דער מאָמענט איז געווען זער קריטיש. נאָר דאַן האָבן זיך די נשים צדקניות פאַרגעשטעלט פאַר דעם רבונו של עולם און געזאָגט, הייליקער באַשעפער ! לייז אויס די יידן פון מצרים, און געב זיי איבער צו אונז, און מיר וועלן זיי געבן אַ פאַרציע פון קישוי השיעבוד, אַז עס וועט זיי זיין גענוג פאַר די גאַנצע 190 יאָר, און נאָך מיט אַ שטיקעלע הוספה.

און דעריבער ווען עס קומט פאַר פסח און איבערהויפּט ערב פסח, דערוועקט זיך ביי זיי אַ מורא און אַ פחד, טאָמער האָבן זיי נאָך נישט גענוג מקיים געווען די „מצווה" פון קישוי השיעבוד, און דערום נעמען זיי זיך צו דער אַרבייט, מיט מער ענערגיע און מער קראַפט, אָבער ווי שוין געזאָגט, זענען זיי נור אויסן מיט דעם אַלעם, אַז זיי זאָלן זיין זיכער מיט אַ גאולה שלימה.

* * * * *

## 2. געגנבעט דעם אפיקומן

דער גרויסער גאון רבי ר׳ הערשל פון קראקא און לובלין, איז געווען זער באַוווסט צווישן אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג מיט זיין גרויסע גאונות און קלוגשאַפט, אַפילו אין מילי דעלמא (וועלט זאַכן). אָבער נישט אַלע ווייסן אַז ער האָט געהאַט אַ שוועסטערל שרה׳לע, וואָס איז געווען יונגער פון אים מיט אנדערטהאלבן יאָר און איז אויך געווען זער קלוג און שאַרפזיניק, אַז די מוטער האָט זיך באַרימט אַז זי שטייגט נאָך אַריבער הערשלן מיט איר חכמה.



עס איז געווען פסח צו די סדר נאַכט. הערשעלע איז דעמאָלט אַלט געווען זעקס יאָר, האָט ער אָפּגעהיטן די צייט ווען דער פאָטער איז געווען פאַרטיפט אין די הגדה האָט ער פאַרזיכטיק גאַנץ שטיל אָפּערגעצויגן דעם אפיקומן פון אונטערן פאָטערס קישן, און האָט אים באַהאַלטן אין אַ זיכערן אָרט. ער האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט, גלייך ווי קיין זאַך האָט פּאַסירט.

נאָך נאַכן עסן, דער פאָטער וויל נעמען דעם אַפיקומן און געפינט אים נישט, האָט ער דאָך באַלד פאַרשטאַנען ווער׳ס מלאכה דאָס איז, זאָגט ער צו הערשעלען : דו ווייסט אַז עס איז אַ מצווה צו עסן דעם אפיקומן פאַר חצות און יעצט איז דאָך שוין אַזוי שפּעט, און דעריבער זאָג באַלד וואָס דו ווילסט, אַ פונט ניס אָדער אַ האַלב פונט מאַנדלען, (הערשעלע האָט ביידע גאַנץ ליב געהאַט) און גיב מיר צוריק דעם אפיקומן.

— ניין, טאַטעשי ! — זאָגט הערשעלע — וואָס מיר ניס, וואָס מיר מאַנדלען, איך בין דאָך שוין נישט אַ קליין קינד און האָב שוין אַ השגה פאַר נ׳יי־טיקערע זאַכן ווי ניס מיט מאַנדלען.

איך האָב מיך היינט — זאָגט ער ווייטער מיט אַ שטאַרק טרויריק קול׳כל — אין די שול זער געשעמט, זעענדיק אַלע מיינע חברים אין נייע קאַפּאָטקעלעך און נייע היטעלעך. נאָר איך איינער בין געווען אין די אַלטע אָפּגעטראָגענע זאַכן.

דער פאָטער, אַ גרויסער אָרימאַן, איז געווען טיף גערירט פון זיין געדעכטער טענה, זאָגט ער צו אים : — אָבער עס איז דאָך היינט יום טוב, קאָן איך דאָך גאָר נישט טון יעצט וועגן די זאַכן וואָס דו פאַרלאַנגסט, דעם אפיקומן מוז איך דאָך יעצט האָבן.

— גוט, — זאָגט הערשעלע — איך פאַרלאַנג יעצט נאָר, אַז דו זאָלסט מיר צוזאָגן פאַר נאָך יום טוב, וועל איך דיר שוין געבן דעם אפיקומן.

דער פאָטער האָט עס אים צוגעזאָגט, און פאַרזיכערט אַז אויף שבועות וועט ער אים שוין אַלעס צוגרייטן, און הערשעלע האָט גאַנץ פריילעך אַרויסגעבראַנגט דעם אפיקומן פון באַהעלטעניש און איבערגעגעבן צום פאָטער.

דער פאָטער איז געווען אין אַ געהויבענע שטימונג, אין די בחינה פון „נצחוני בני" (מיינע קינדער האָבן מיך מנצח געווען) און וועלנדיק זיך נאָך אביסל אַמוזירן, נעמט ער דעם אפיקומן און טיילט אַ חלק צו זיין ווייב, צו דעם קליינעם טאָכטערל, און אויך צום אורח וואָס איז געזעסן ביים טיש, און הערשעלע זעט אַז דער פאָטער גרייט זיך שוין צו זאָגן דעם „הנני מוכן ומזומן" און ער האָט נאָך נישט קיין אפיקומן, רופט ער אויס : — טאַטע, דו האָסט מיר נאָך נישט געגעבן קיין אפיקומן.

— יעצט — זאָגט דער פאָטער מיט אַ געלעכטער — בין איך שטאַרקער פון דיר, דו ווילסט אפיקומן, גוט, איך וועל דיר געבן, אָבער נאָר בתנאי, אַז דו זאָלסט מיר מוחל זיין דעם „צוזאָג".

נאָר דאָ צולאַכט זיך הערשעלע מיט זיין הילכיק קול׳כל און זאָגט : — איך האָב באַלד געקלערט, טאָמער טוסט מיר אָפּ אַזאַ שפּיצל, און איך האָב מיך

באַוואָרנט קעגן דעם. און זאָגנדיק דאָס נעמט ער אַרויס פון אונטערשטן קעשענע אַ שטיקל אַפיקומן וואָס ער האָט איבערגעלאָזט פאַר זיך.

פאָטער און מוטער זענען געוואָרן ענטציקט פון דעם קינדס חכמה און האָבן מיט גרויס נחת געענדיקט דעם סדר. די מוטער האָט אַפילו באַמערקט אַז דאָס קליינע שוועסטערל שרה'לע איז זער טרויריק, און איז אײפערזיכטיק אויף העשעלען, וואָס האָט זיך אַזוי פיין אויסגעצייכנט און זי האָט איר געטרייסט, אַז זי וועט נאָך אויך האָבן די געלעגנהייט צו ווייזן וואָס זי קען.

און דאָס קליינע מיידעלע האָט נישט באַדאַרפט לאַנג צו וואַרטן.

צו מאָרגענס, די גאַנצע פאַמיליע איז געזעסן אַרום טיש ביי די יום טוב סעודה. דער פאָטער איז נאָך געווען אונטער דעם איינדרוק פון נעכטיקן סדר און געפילט זיך זער יום טוב'דיק. און ווען די מוטער האָט אַרומגעטיילט דאָס פלייש, זעט דער פאָטער אַ זער גוטן ביין, מיט אַ סך מאַרך. נעמט ער אים אין די האַנד און רופט אויס: — קינדערלעך! איך האָב דאָ אַ זער באַ'טעמ'טן ביין, און ווער פון אייך עס וועט זאָגן אַ גוטן „טעם" פאַרוואָס דער ביין קומט אים, דער וועט אים באַקומען.

דאָס קליינע שרה'לע שפּרינגט אויף מיט גרויס שמחה, און זאָגט: — טאַטע, טאַטע! ווען די מלאכים זענען געקומען צו אברהם אבינו מיט די גוטע בשורה, איז עס דאָך געווען אום פסח און זיי האָבן דעמאָלט געזאָגט כעת חיה „ולשרה בן" און דעריבער קומט דאָך מיר דער ביין.

אַלע אַרום טיש זענען געוואָרן זער איבעראַשט פון דעם קלוגן איינפאַל, זי האָט באַקומען דעם ביין, און מען האָט געקאָנט זען אַז זי איז צופרידן. אי פון ביין, און נאָך מער פון דעם וואָס זי האָט זיך אַזוי פיין אויסגעצייכנט.

העשעלע האָבנדיק פאַרדרוס ווייל ער איז היינט צוריקגעפאַלן, האָט ער אויפגעפּאַסט אַ מאָמענט ווען דער פאָטער האָט נישט געזען, און האָט שרה'לען געגעבן אַ שטויס. דאָס מיידעלע האָט אָנגעהויבן צו וויינען, האָט זיך דער פאָטער צובייזערט אויף אים און אים געפרעגט: — פאַרוואָס שלאָגסטו זי?

— זי האָט נישט געזאָגט ריכטיק דעם פסוק — ענטפערט העשעלע. עס שטייט נישט ולשרה בן מיט אַ פינטעלע אין די „ב" עס שטייט אָן אַ פינטעלע מאכט עס ולשרה „בן". נו! קומט דאָך טאַקע זי זאָל ביינען (לייען וויינען).


## „מיין טאַטע דער סופר"

און אַנדערע פּאָעמעס

א נ י י  ב ו ך  פ ו ן  י ו ס ף  ה ל ל  ל ע ו ו י

פּרייז 21 שילינג

צו באַקומען אויף דעם אַדרעס:

M. LEW, 3, Hodford Road, N.W.11.






## „אין אייראָפּע און ביי אונדז אונטערן אויוון"

(צו דער 34־סטער יאָרצייט פון י. ל. פּרץ)

צווישן פּרץ'ס כתבים געפינען מיר אַ פעליעטאָן מיט דעם דאָזיקן נאָמען, וואָס הויבט זיך אָן אַזוי:

„אַז מען רייסט אָפּ דאָס אויג פונם זינדנדיקן לעבן אין אייראָפּע, און מען וואַרפט אַ בליק צו אונדז אונטערן אויוון, האָט מען דאָס געפיל פון אַ רייזענדן, וואָס קומט נאָך שטורם און וועטער אַהיים אין אַ וואַרימע שטילע, אַלטפרענקישע שטוב".

„דאָרט (אין אייראָפּע, א.פ.) האָט זיך געדאַכט, אַז גאָט וויל כשר'ן די ערד מיט פייער און איבערשווענקען מט וואַסער. דאָ זיצט קוים די אַלטע באָבע און פליקט פעדערן... דאָרט פירן הימל און ערד מלחמה, און דאָ שפּאַרן זיך צוויי אַלטע מומעס, וואָס ס'איז בעסער: געריבענער אָדער געשאָבענער רעטיך..."

דאָס איז איינער פון די לייכטע סאַרקאַסטישע פעליעטאָנען, געשריבן מיט אַן ערך פערציק יאָר צוריק, אין דער צייט פון אַ רואיקער פּויזע. אייראָפּע איז דאַמאָלט געווען דער גרויסער באַגריף פון שטורם און דראַנג, פון קאַמף און זידנדיקן לעבן. ווען מען איז פון דאָרט, פון דרויסן געקומען אַהיים, האָט מען זיך געוואָרעמט הינטערן אויוון אין „דער שטילער אַלטפרענקישער שטוב".

אַ גאַנצע וועלט שיידט אונדז אָפּ פון דער דאַמאָלטיקער תקופה. אייראָפּע היינט איז נישט דאָס אייראָפּע פון אַמאָל... גאָט האָט נישט געכשרט די ערד... זיין עבן־בילד, דער מענטש האָט מטמא געווען די ערד מיט פייער און איבערשווענקט די וועלט, באַזונדערס אונזער יידישע וועלט מיט אַלע אכזריות און מיתות. דאָס לעבן ביי אונדז אונטערן אויוון האָט אָנגענומען אַן אַנדער פּנים. ס'איז פאַרשוואונדן אונדזערע שטילע, וואַרימע אַלטפרענקישע שטוב מיט איר ריינקייט, פשטות און אידילישקייט פון אַמאָל.

אָבער עס זענען אונדז געבליבן לזכר די אַלטע מומעס. „וואָלענע זאָקן אין די הענט, שפּיזלעך אונטער די אויערן, די ברילן גערוקט אויפן שטערן". און שפּאַרן זיך, וואָס ס'איז געשמאַקער: געריבענער אָדער געשאָבענער רעטיך.

ווען איך האָב אין די לעצטע חדשים געלייענט (אין דער יידישער פּרעסע) וועגן דעם גרויסן ויכוח אויף וועלכער באַזע עס וועט זיין געגרינדעט די צוקונפטיקע קאָנסטיטוציע פון דער מדינת ישראל, אָדער וועגן דער אומבאַהאָלפנקייט פון באַשטימטע יידישע סאָציאַליסטן לגבאי דעם נישט־דערוואַרטעטן גליקלעכן אויסגאַנג פון דעם קאַמף פון די זיבן „פּראָגרעסיווע" אַראַבישע מלוכות קעגן דעם יונגן יידישן מלוכה־קערפּער, זיינען מיר איינגעפאַלן פּרץ'עס צוויי אַלטע מומעס מיט זייער רעטיך־פּראָבלעם.

פאַר די דאָזיקע מומעס מיט די טשופּיקלעך האָט זיך גאָרנישט נישט געענדערט. זיי האָבן זיך זייערע פעסטע פאָרגעשריבענע מיינונגען פון נעכטן. זיי פעלט דער ווייטבליק צו זען פאָראויס, און דער צוריקבליק צו פאַרשטיין דאָס גרויסע און איינמאָליקע פון אַ גרויסער עפּאָכע אָדער גרויסע פּערזענלעכקייט, וואָס איז נישט סתם אַ יחיד, אַן אינדיווידואַליטעט נאָר וואָס פאַרקערפּערט אַ אידיי, אַ באַוועגונג, אַ קולטור־תקופה.

איך וויל דאָ רעדן וועגן פּרץ׳ן.

דאָס דורכשניטלעכע, אויבערפלעכלעכע, דאָס דעמאַגאָגישע און שמייכלערישע איז לייכט צו פאַרשטיין און צו פאַרדייען. ס׳איז נישט קיין חידוש, וואָס מיר לייענען אַזויפיל שבחים וועגן מינדערווערטיקע שאַפונגען און מיטלמעסיקע לייסטונגען פון מיטצייטלער. קומט עס אָבער צו אָפּשאַצונגען פון גיגאַנטן (און י. ל. פּרץ איז אַ גיגאַנט אין דער יונגער יידישער ליטעראַטור און אין אונדזער יידיש־יידישיסטישער קולטור־באַוועגונג פון צוויי דורות), ווערן אונדזערע אַלטיטשקע מומעס פאַרמישטע, זייערע קאָפּ־נערוון הויבן ״ ״ייציקאַראַהאָד, און ווייל זיי טאָרן נישט זעלבסטשטענדיג דענקען אָדער האַנדלען, אָדער ווייל זייער השגה גייט נישט ווייטער ווי ביז צו אַ רעטיך־פּראָבלעם, כאַפּן זיי ארויס אַפּגעריסענע זאַצן פון מאמרים און אַרטיקלען, שרייען רכילותדיק, אַז פּרץ איז נור געווען אַ פשוטער דילעטאַנט, וואָס האָט פאַרלייקענט די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פונם יידישן פאָלק. פאַר אים זענען יידן דאָס אייביקע וועלט־פאָלק, וועמענס וויג עס איז געווען ארץ ישראל, און „אַ דערוואַקסענער מענטש קערט זיך קיינמאָל נישט מער צוריק צו זיין וויג״. בפירוש קען מען היינט זען דעם גרויסן טעות פון פּרץ...

אַזוי טענהן זיי.

וואָס זענען זיי אויסן די מחברים פון אַזעלכע רעטיך־אַרטיקלען? ווילן זיי וואַרפן אַ חשד פון אַנטי־נאַציאָנאַלן דענקען אויף איינעם פון די וויכטיקסטע זיילן פון דער יידישער ליטעראַטור און פאָטער פון דער יידישער קולטור־רענעסאַנס אינם גרויסן יידיש־פּוילן פון נעכטן? איך וועל זיין אַזוי נאַאיוו, און זיי, די מומעס מיט די טשופּיקעס, נישט חושד זיין אין שלעכטע כוונות. זאָלן זיי מיר אָבער מוחל זיין, ווען איך וועל זיי איינרוימען אַ סוד אין אויער, אַז זיי ווייסן פשוט נישט, וואָס זיי שרייבן, ווייל זיי האָבן נישט באַגריפן נישט די גרויסקייט פון י. ל. פּרץ אַלס דיכטער, דערציילער, סימבאָליקער און ראָמאַנטיקער און נישט זיין וויכטיקע ראָלע אַלס דער סעקולאַר־גייסטיקער פירער און קעמפער פונם פּוילישן יידנטום, וועמענס איינפלוס עס איז געוואָרן שטאַרקער און ווירקזאַמער נאָך זיין טויט ביז אַזש נאָך דעם גרויסן חורבן פונם פּוילישן און אייראָפּייאישן יידנטום.

פּרץ איז אין די לעצטע יאָרן פון זיי לעבן געוואָרן דער שאַפער פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק און אַ יידישער קולטור־אידיי אין גלות.

איך וועל מיך באַמיען דאָס קלאָר צו מאַכן, כאָטש איך ווייס, אַז פאַר דעם פּרץ־קענער וועל איך קיין נייע וועלטן נישט אַנטדעקן.



שטעלט אייך פאָר אייראָפּע מיט 50 יאָר צוריק און דאָס גרויסע צאַריסטישע רוסלאַנד מיט אַ ישוב פון 6 מיליאָנען יידן אין תחום המושב (טשערטאַ אָסיעדלאָסטי), דערפון אַליין דריי מיליאָנען יידן אינם דאַמאָלטיקן קרוין־פּוילן. די גרויסע אידייען פון בירגערלעכער פרייהייט און דעמאָקראַטיע האָבן אַלס „קאָנטערבאַנדע״ אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין די פּראָגרעסיווע שיכטן פון דער געוואַלטיקער אַבסאָלוטיסטישער אימפּעריע. די מערב־אייראָפּעאישע עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג אָדער פּראָסט־יידיש די השכלה איז שוין כמעט צוויי דורות געווען טעטיק אינם יידישן שטעטל. און האָט אָנגעהויבן אַרומצונעמען גרעסערע קרייזן פון די יידישע מאַסן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון סעקולאַריזאַציע ד.ה. דאָס לעבן פונם יידישן מענטש האָט אָנגענומען אַ מער וועלטלעכן כאַראַקטער. יידן אַלס גאַנצקייט האָבן אין מזרח־אייראָפּע: אין רוסלאַנד, ליטע און פּוילן אויפגעהערט צו זיין נ אָ ר אַ רעליגיעזער קיבוץ, זיי האָבן זיך מער און מער, כאָטש מאָדערניזירונג און זעלבסט־עמאַנציפּירונג, (אָדער אפשר גאָר טאַקע דערפאַר) זיך אַרויסקריסטאַליזירט אַלס אַ נאַציאָנאַלער פאָלקס־קערפּער, אַריינגעקלעמט צווישן פאַרשיידענע אַנדערע פאָלקס־קערפּערשאַפטן פונם אַמאָליקן רוסלאַנד.

אַלע גרויסע מענטשהייטס־אידייען פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג, פון פּראָגרעס און דעמאָקראַטיע האָבן באַקומען זייער אידעאַלאָגישן לבוש אינם הומאַניסטישן ניינצענטן יאָרהונדערט. עס איז די צייט פון דעם געבוירן ווערן און דער שאַפונג פון פּאָליטישע באַוועגונגען און פּאַרטייען, וועלכע באַקומען דעם מאַנדאַט צו רעדן אינם נאָמען פון פאַרשקלאַפטע פעלקער אָדער קלאַסן. עס זעט אויס, אַלס אויב עס איז געקומען דער סוף פון זעלבסט־הערשאַפט, שתדלנות, ווילקיר און פעלקער־פאַרשקלאַפונג.

אַזוי איז עס געווען אין אייראָפּע. און די אידייען פון מערב־אייראָפּע האָבן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין אַלע ווינקעלעך פון די יידישע ישובים אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע. די השכלה האָט איר השפּעה צוריקגעלאָזט אויף דעם יידישן שטעטל. עס איז דער אָנהויב פון אַ וועלטלעכער יידישער ליטעראַטור (אָדער בעסער געזאָגט פון צוויי ליטעראַטורן) און אַ יידישער פּרעסע, וועלכע פאַרשווייגן נישט אַלע די וויכטיקע פּראָבלעמען פון דעם גרויסן יידישן קיבוץ. זיי בײדע — ליטעראַטור און פּרעסע ווערן אויפקלערערישע און קאַמף־וויכטיקע אינסטרומענטן, וואָס טראָגן זער פיל ביי צו דער ווייטערדיקער פאַרוועלטלעכונג (סעקולאַריזאַציע) פונם יידישן לעבן.

עס איז אויך די תקופה פון דער פאַראַרימונג און פּראָלעטאַריזירונג פון די יידישע מאַסן. די אידייען פון קלאַסן־און פּאַרטיי־קאַמף דרינגען אַריין אין דער יידישער גאַס. עס איז ערב פרילינג פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע.

(המשך קומט)

הערש שישלער (יאהאנעסבורג)

## די נייע „געפאר" פאר מדינת ישראל — יידיש...

לעצטנס האבן אַ טייל פון די העברעאישע צייטונגען אין ישראל גרויסע דאגות, דאגות וואָס לאָזן זיי נישט רוען, וואָס רודערן זיי אויף און האָבן באַקומען אַ שטארקן אָפּקלאַנג אויף די דאַרטיקע שפּאַלטן. די דאגות פון יענע העברעאישע צייטונגען, זענען צוליב דעם — וואָס ישראל ווערט באַזעצט, אָן עין הרע, מיט פיל יידן, יידן וואָס קומען פון די לאַגערן — האָבן זיי דעריבער צו זאָרגן...

יענע צייטונגען אָבער האָבן נישט די דאגות און די זאָרגן, צו באַזאָרגן יענע יידן פון די לאַגערן מיט דירות, מיט אַרבעט און אַנדערע באַדערפעניש. גאָר אַנדערע זאָרגן, האָבן יענע העברעאישע צייטונגען. זיי זענען באַזאָרגט דערפאַר, וואָס די יידן פון די לאַגערן וואָס קומען אין מדינת־ישראל — ברענגען מיט זיך מיט... יידישקייט.

די סכנה פון אַלע שונאים פון ישראל — די ענגלישע, אַמעריקאַנישע דייטשע, אַראַבישע, מאַכמעדאַנישע, סיריאַנישע, עגיפּטישע און אַנדערע, זענען — קוקט אויס נאָך יענע צייטונגען, נישט אַזוי געפערלעך פארן לאַנד, ווי דער שונא — יידיש!...

מען האָט שוין אַלע שונאים פון ישראל באַקעמפט און געשטעלט אויסער סכנה, בלויז איין איינציקער איז געבליבן צו באַקעמפן. דער שונא יידיש וואָס שטעלט אין סכנה דאָס לאַנד ישראל...

אין דער האַלב־וואָכנשריפט „ניי וועלט", נומער 81, וואָס דערשיינט אין תל אביב, לייענען מיר וועגן די אַלאַרמירונגען וואָס קומען פון אַ טייל העברעאישע צייטונגען וואָס דערשיינען אין ארץ ישראל, בנוגע דעם דערמאָנטן ענין. באַקלאָגנדיק זיך, אַז די גרויסע יידישע איינוואַנדערונג אין ישראל, ברענגט מיט זיך די געפאַר פון יידיש...

צווישן אַנדערעס לייענען מיר דאָרט אין יענער צייטונג אַ „גערוואַלד געשריי", וואָס איז אַרויסגענומען פון דער העברעאישער פרעסע, איבער דער סכנה וואָס קומט אָן מיט די נייע עולים, וואָס זייער מיטגעברענגטער באַגאַזש — איז יידיש. דער „געוואַלד געשריי" איז געדרוקט געוואָרן אין „הדור", אָרגאַן פון מפא״י און אַנדערע.

דער „הדור" וואָס האָט אַליין אַ שטיקל באַציאונג צו יידיש, האַלט אָפּ פאַרזאַמלונגען און גיט אַרויס בולעטינס אויף מאַמע־לשון — יידיש, האָט איצט אויפגעהויבן אַ שטאַרקע העצע קעגן יידיש. „יידיש גרילצט שוין אויך אין די אויערן פון די לייט פון „הדור". אין אַ נאָטיץ אין יענער צייטונג ווערט צווישן אנדערעס געזאָגט, „אַז יידיש האָט נישט קיין רעכט, מ׳זאָל זיך צו איר באַציען מיט דרך־ארץ; יידישע שרייבער, אַז זיי ווערן געדרוקט אין העברעאיש — טוען זיי אָן עוולה דער העברעאישער שאַפונג. און צו דרוקן זיי אויף יידיש — איז אוודאי אַ סכנה!"



דאָס איז דער אייביקער קאַמף פון די העברעאיסטן ארויפצוצווינגען זעלבסטמאָרד אויף די יידישע מאַסן — און אויף יידיש. די עולים וואָס קומען איצט אַריין אין ישראל פון די לאַגערן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע, האָבן דאָרטן פאַר זייער זיין, ביי הונגער־באַדינגונגען אויפגעשטעלט און געשאַפן אַ פיינע יידישע פרעסע, יידישע קולטור פּאָזיציעס, טעאַטערן, פאַרלאַגן א.א. געהונגערט און געליטן האָבן יענע יידן, אָבער קיינמאָל נישט אויפגעגעבן זייער קאַמף פאַר יידישער קולטור. מיט יראת־הכבוד און גרעסטן אינטערעס צום יידישן וואָרט, וואָס האָט זיי געשטאַרקט און געמוטיקט אין די חושך טעג, מיט עקשנות און אויסדויער געהאַלטן זיך צו זייער שטאַמען פונם יידישן קולטור־יחוס און שטאָלץ פון די גרויסע יידישע קלאַסיקער אונזערע, פון פרץ, מענדעלע, שלום־עליכם א.א.

אָט יענע יידן, די עולים פון די לאַגערן, זיי האָבן קיינמאָל נישט דעזערטירט פון דער יידישער אמונה און יידישער קולטור — ווען זיי זענען געווען אויסגעשטעלט צו די גרעסטע געפאַרן, ווי הונגער, נויט — און ווען אפילו דער טויט האָט געשוועבט פאַר זייערע אויגן, האָבן זיי אָנגעהאַלטן די יידישע טראַדיציע, די טראַדיציע פון איינפלעכטן אַ רינג אין דער גאָלדענער קייט פון דער יידישער קולטור און דער יידישער שאַפונג. אין די געטאָס האָבן זיי מיטן יידישן וואָרט געקעמפט קעגן דעם גרעסטן עמלק פונם יידישן פאָלק — דער היטלער־בעסטיע. מיט יידיש לשון זענען יענע יידישע העלדן געפאַלן אינם קאַמף מיטן ברוטאַלסטן יידישן שונא — און מיט יידיש האָבן זיי געלעבט, געהאָפט, געאָטעמט — און דערלעבט דעם אויסגעבענקטן נצחון.

איצט זענען יענע יידן טריפה, פסולע, נישט כשר׳ע — און זענען אַ סכנה פאַר ישראל! ווי עס ווייטאָקט דער פאַקט! די העברעאיסטן שרעקן זיך, אַז אַ „געפאַר" קומט; די עולים ברענגען אַריין אין לאַנד אַ צווייטע שפּראַך, אַ צווייטע קולטור, וואָס הייסט — יידיש!

אַלע אנדערע פרעמדע שפראַכן און קולטורן, זענען אין ישראל דערלויבט, אַזוי ווייסן מיר דאָך, אַז עס איז דערלויבט דייטש, פויליש, אונגאַריש, רומעניש, ענגליש און אַנדערע, זיי די אַלע טריפה׳נע שפּראַכן, וואָס האָבן מיטגעווירקט און געהאָלפן אויסצומאָרדן און אומצוברענגען 6 מיליאָן יידן־קדושים — זענען כשר און קיין סכנה נישט, — די סכנה איז נאָר די יידישע שפּראַך— יידיש.

ווען, ווען וועט שוין קומען אַ פאַרשטענדיקונג, אַ דרך־ארץ באַציאונג מצד די העברעאיסטן — צו יידיש־לשון? — און ווען, ווען וועט אויפהערן גרילצן אין די אויערן פון די העברעער די יידישע שפּראַך? יידיש, די שפּראַך וואָס אכציק פּראָצענט פונם יידישן פאָלק אין אלע ארבע פינות העולם באַנוצן, וואָס לעבן זיך אויס מיט איר, און וואָס קוויקן זיך מיט אירע קולטור־אוצרות און שאַפונגען — קען און מוז אויך געפינען איר אָרט, אַפילו אין מדינת־ישראל!

## י. ביעטש

# אימפּאָזאַנטע פייערונג

### לכבוד דעם צעצטן יאָרגאַנג פון „לשון און לעבן"

דער באַנקעט, וואָס די פריינט פון יידיש לשון האָבן אַראַנזשירט, זונטיק דעם 13־טן פעברואַר — חמשה עשר בשבט, תש"ט, אין לאָקאַל פון אַרבעטער רינג עלי סטריט, איסט, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געוויסער אינטימיטעט, און יום־טובדיקייט, מען פאַרגעסט אָן אַלץ, מען איז פריילעך, מען פייערט דעם יום־טוב פון שאַפן.

דער פּרעזידענט פונם פאַראיין, משה עובד, באַגריסט דעם עולם, ער דאַנקט דעם קאָמיטעט פאַר זייער אומדערמידלעכער אַרבעט, אויך אַלע די, וועלכע האָבן געהאָלפן דערמעגלעכן די דערשיינונג פונם זשורנאַל און דער איצטיקער פאַרעם.

משה עובד גיט איבער אַ פּאָר קורצע שטריכן, פונם רעדאַקטאָר א. נ. שטענצל, זיין שאַפן און פּערזענלעכקייט. ער באַטאָנט אַז קודם־כל האָט שטענצל אַריינגעבראַכט פּינקטלעכקייט אין זיין טעטיקייט, די דערשיינונג פונם זשורנאַל, ווי אויך די ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, ווערן פּינקטלעך דורכגעפירט צו דער אָנגענומענער צייט. ער שטרייכט אונטער אַז דער זשורנאַל איז ממש אַ לעבנסנייטווענדיקייט פאַרן היגן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און אַ גרויס דערמוטיקונג פאַרן יידישן לאָנדאָן. עס איז אַ יום־טוב פאַר דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, פאַר דעם יידישן עולם, פאַר דער יידישער אינטעליגענץ.

משה עובד באַדאַנקט די פרויען, וועלכע האָבן זיך באַמיט אין צוגרייטן אַזאַ שיינעם אָוונט, ער בעט דעם עולם זיך משמח צו זיין.

י. ביעטש נעמט איבער דעם פאָרזיץ און זאָגט, דער היינטיקער יום־טוב איז פאַר אַלע, וועלכע האָבן ליב דאָס יידישע וואָרט אַ גרויסער פרייד. דער זשורנאַל „לשון און לעבן" וועלכער דערשיינט רעגעלמעסיק מחודש לחודש אָן איבעררייס שוין דאָס צענטע יאָר. אַזוי אויך די ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס, וועלכע דערהייבט דעם פּרעסטיזש פון דער יידישער קולטור, אַנטפּלעקט איר רייפקייט, מאַניפעסטירט פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט יידיש אַלס קולטור שפּראַך. זיינען אַ שטראַל־ליכט; אין אונזער היגן פאַרחושכ'טן יידישן קולטור לעבן. די דערשיינונג צייגט אַ פעסטן ווילן אין דער איצטיקער שווערע צייט אונזערע. מיט דער גרעסטער מסירת־נפש אויפצוהאַלטן דאָס אייגענע ביסל כוח, צווישן וועלכע דער זשורנאַל און די ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס פאַרנעמען אַ גרויס אָרט.

די פייערונג צייכנט זיך אויס באַזונדערס אַנדערש, ווי אַסך אַנדערע פייערונגען, ס'איז ווי חסידים פלעגן דאָס רופן „חיזוק אמונה" מען פאָרט צום רבין כדי צו קריגן מער מוט, מער שטאַרקייט. אַזאַ געפיל האָב איך היינט, מען פייערט נישט דאָס, וואָס איז שוין דורך, נאָר צו קריגן פרישן בטחון פאַר דעם ווייטערדיקן קיום.



דער רעדאַקטאָר א. נ. שטענצל, וועלכער ווערט אויפגענומען מיט באַגייסטערונג, גיט אַ געשיכטלעכן איבערבליק פאַר די לעצטע צען יאָר. ער שטרייכט אונטער אַז אין דער איצטיקער שווערער צייט, ווען עס רוקט זיך כסדר אַרויס פראַגן און פּראָבלעמען וועגן אויפהאַלטן און באַשיצן אונזער קולטור בנין, דערפילט דער זשורנאַל „לשון און לעבן" אַ וויכטיקע שליחות; דערמיט, וואָס עס קענען אַנטייל נעמען שרייבער, וועלכע געפינען זיך אין אַלע יידישע קבוצים. ווי איך האָב זיך שוין איינמאָל אויסגעדריקט ויקרא שמו בישראל; דער זשורנאַל! איז פונם מאָגערן פאַרהונגערטן פּאָעזיע העפטל געלייגט געוואָרן דער יסוד פונם איצטיקן זשורנאַל „לשון און לעבן" פאַר גאַנץ מלכות ענגלאַנד. ער באַטאָנט אַז דערמיט ווערט איינגעשריבן איינס פון די שענסטע בלעטער אין דער געשיכטע פון יידיש לאָנדאָן. אויב עס וועט אַמאָל געשריבן ווערן די געשיכטע פונם היגן יידישן ישוב, וועלן זיכער די ערשטע צען יאָר פאַרנעמען אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דעם עקשנותדיקן געראַנגל פאַרן קיום פונם זשורנאַל „לשון און לעבן".

שטענצל דערמאָנט דעם עולם אַז די פריינט פון יידיש לשון, זיינען געווען די ערשטע זיך אָפּצורופן אויף דעם פאַרלאַנג פון די יידן אין די לאַגערן, צו שיקן ביכער, צייט שריפטן און אַנדערע זאַכן, וועלכע טוט עס נאָך ביז איצט.

דער דעלעגאַט פונם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ) ל. פּינעס האָט אין זיין באַגריסונג אָנגעוויזן, אַז מען בלייבט שטיין מיט יראת הרוממות פאַר דער פענאָמענאַלער דערשיינונג פונם זשורנאַל פאַר די לעצטע קנאַפּע צען יאָר, אויף דעם שווערן שטיינערדיקן באָדן, וואָס מען רופט יידיש לאָנדאָן. און די יידישע געשיכטע געפינען מיר אַז אַלעמאָל, וואו איין יידישער ישוב ווערט אָפּגעווישט דורך אויסערליכע שטערונגען, לעבט גלייך אויף, דער דראַנג אין אַנדערע יידישע ישובים ווייטער צו שפּינען די גאָלדענע קייט פון אונזער קולטור המשך. אפשר דער אחריותדיקער געפיל האָט דערמעגלעכט דעם אויפהאַלט פונם זשורנאַל. אינם נאָמען פון ייוואָ ווינשט ער דעם זשורנאַל לאַנגע יאָרן פון פּרוכבאַרער ליטעראַרישע אַרבעט.

עס באַטייליקן זיך אין די ווייטערדיקע באַגריסונגען בעלאַ וויינער. וועלכע איז דאָ צו גאַסט פון אויסטראַליע. עליק וואַטערמאַן דעלעגאַט פונם צענטראַלן קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג. וועלכער ווינשט לאַנגע דויערהאַפטע אָרן פונם זשורנאַל.

אינם נאָמען פונם זשורנאַליסט פאַראיין באַגריסט משה עובד.

די דעלעגאַטן פון די פרויען סעקציע ביים אַרבעטער רינג פּרוי האָט, באַגריסט די צען יאָר עקזיסטענץ פונם זשורנאַל, וועלכער זאָגט אַז אָן לשון איז נישטאָ קיין לעבן, מיטן זשורנאַל האָבן מיר אי לשון אי לעבן.

אינם ליטעראַרישן טייל האָט י. גאָלדבערג, ווי אַלעמאָל זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע רעציטאַציעס און איינפאַלן.

די שוישפּילערין דאָראַ דימאַנט, האָט זייער שיין רעציטירט דעם משל פון אליעזער שטיינבערג, „די באָבולע", און „די באָבע" פון משה נאַדיר וועלכע

איז באַדנאַקט געוואָרן מיט אַפּלאָדיסמענטן. זייער גוט האָט פאַרגעלייענט י. רובין, אַ הומערעסקע פונם שרייבער א. מ. קייזער אַ חמשה עשרדיקע פייג, וועלכע האָט דעם עולם גוט אַמוזירט. פריינט האַכשטיין האָט געליינט ווינע אַ פּאָעמע ר׳ סענדער, וועלכע איז פון עולם גוט אויפגענומען געוואָרן.

צווישן די ווייטערדיקע רעדנער האָט פריינט ו. פּאַדאַלסקי באַגריסט די צעניאָריקע אַרבעט און געזאָגט אַז די פריינט פון יידיש לשון זיינען אַלעמאָל און צו יעדע צייט געקומען, ווען דער אַרבעטער הילפס קאָמיטעט האָט עפּעס אונטערגענומען הן אויפן יידישן געזעלשאַפטילעכן געביט, הן אויפן קולטורעלן געביט, תמיד געווען גרייט עפּעס צו טון, ער ווינטשט דעם רעדאַקטאָר לאַנגע פרוכבאַרע יאָרן פון שאַפן און דעם זשורנאַל אַ דוירנדן קיום.

עס באַטייליקן זיך מיט ווייטערדיקע רעדעס דער פריינט ד. גאָלדינגער. מאָריס קאַץ און אַנדערע. אין אַ געהויבענע שטימונג און אַלע מיט איין געדאַנק, אַז דער זשורנאַל זאָל דורך די נעקסטע צען יאָר דערשיינען פיל שענער און גרעסער, דערמיט האָט דער שיינער אָוונט זיך געענדיקט.

---

י. ה. לעווי

## צו בן א. סאַכאַטשעווסקיס 60 יאָריקן יובּיליי

פאַראַנען צוויי מינים שרייבער, — שרייבער פריייע, דאָס מיינט: אַזעלכע, וועלכע קאָנען זייערע טעמעס אַליין זיך אויסוועלן; און שרייבער געצווונגענע — דאָס מיינט ווידער אַזעלכע: וועלכע דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן וועלט פאַר זיי די טעמעס אויס. און צווינגט זיי דעריבער צו שרייבן... דאָס זענען די אַזוי גערופענע זשורנאַליסטן. דערפאַר איז טאַקע גאָר קיין וווּנדער נישט וואָס אַ סך פון דעם דאָזיקן מין ווערן מיט דער צייט אַזוי מעכאַניזירט און אָפּגעטעמט; אַז דאָס שרייבן ווערט פאַר זיי נישט מער נאָר אַ פשוטער עול — ווי פאַר דעם געוועגלעכן פועל זיין טעגלעכע אַרבעט. און אַזוי ווי דער פועל אַרבעט זיך אויס, ווערט מיד, און עס בלייבט כמעט גאָרנישט נאָך אים צוריק. — אַזוי איז עס אויך מיט דעם רוב זשורנאַליסטן... אַנדערש איז עס אָבער מיט די שרייבער וועלכע טראָגן אַ צווילינג אין זייער נשמה, — אַ האַלבן פּאָעט און אַ האַלבן זשורנאַליסט; און דער פּאָעט וויל זיך לחלוטין דעם זשורנאַליזם נישט אונטערגעבן, נאָר פירט מיט אים אַן אייביקע מלחמה... ס׳איז קלאָר אַז דער סאָרט שרייבער איז דער טראַגישסטער, — מחמת ער מוז תמיד פירן דעם באַלאַנס: צווישן זשורנאַליזם און פּאָעזיע... און ווער עס איז גרעסער און שטאַרקער דער זיגט...

און טאַקע צו דעם צווייטן סאָרט געהערט בן א. סאַכאַטשעווסקי. וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין מערץ 1889 אין לאָדז, ביי אָרימע עלטערן. און ווען זיין פאָטער איז נפטר געוואָרן, — איז ער קוים אַלט געווען 12 יאָר.



און אַז דאָס אָרימע לעבן אין דער היים איז שווער געוואָרן, סיי פאַר דעם קליינעם יתום. ווי אויך פאַר דער עלנטער אלמנה זיין מוטער מיט די אַנדערע יתומים; איז דער קליינער יחיאל מאיר (וואָס האָט דאַן זיין נאָמען געענדערט אויף בן א. סאַכאַטשעווסקי) שוין געצוווּנגען געוואָרן צו פאַרלאָזן זיין געבוירנשטאָדט לאָדז, און בעסער אַנהויבן אַרומצוגלותן אין דער גרויסער, פרעמדער און ווייטער וועלט. מיט 13 יאָר איז דער וואַנדערער שוין אָנגעקומען אין קראָקע, דאָרט פאַרבראַכט 8 יאָר. שפּעטער צוריקגעוואַנדערט קיין רוסלאַנד, און דאָרטן געוואָגלט איבער פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך. אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דעם גרויסן פרייהייטס־אידעאַל, — פון דער דאַמאָלדיק טיף באַוועגטער רעוואָלוציאָנערער יוגנט.

אַנטייל גענומען אויך אין פאַרשידענע קאָנספּיראַטיווע פונקציעס. לטובת דער גרויסער קומענדיקער רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן אין רוסלאַנד; און פאַרענדיקן מיט דער גאולה פון דער גאַנצער וועלט...

שפּעטער אויך געוואַנדערט קיין בעלגיע, ביז ער איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן אינעם יאָר 1914 — פאַר דער ערשטער מלחמה. און שוין דאַמאָלט האָט זיך בן א. סאַכאַטשעווסקי געקליבן און כסדר געווען אויפן וועג קיין ארץ ישראל...

דעביוטירט האָט סאַכאַטשעווסקי אין לאָדזער „טאָגבלאַט“. און שוין אין יאָר 1912 איז אַרויס זיין ערשט לידערבוך: „אין שטילע צייטן“.

און איבער דעם דאָזיקן ערשטלינגס־ווערק האָט זיך בעל מחשבות בשעתו זער וואָרעם אָנגערופן, מחמת די לידער זענען געווען אַדורכגעדרונגען מיט אַ טיפן לירישן געפיל; און זיי זענען געפלאָסן מיט אַ פשוטער פאָלקסטימלעכער לייכטקייט. לייכטער ווערז, לייכטע ריטמיק, —דערפאַר אויך לייכט צום פאַרשטיין און לייכט גערירט צו ווערן פון זיי.

אַדאַנק זייער בילדלעכקייט, מוזיקאַליטעט, שילדערונג פונעם שטייגערלעבן און זייער בונטער ריטמיק האָט זיך סאַכאַטשעווסקי שוין דאַמאָלט קונה שם געווען. מאָריס מייער ע״ה, דער באַגרינדער פון „די צייט“ האָט אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרשטענדניש פאַר דעם יונגן טאַלאַנט, אים אַנגאַזשירט אַלס אַ מיטאַרבייטער פון דער „צייט“ און אַזוי אַרום אים דאַמאָלט געגעבן גרויסע אַנטוויקלונגס מעגלעכקייטן.

אָפּגעאַרבעט אַ געוויסע צייט אין דער רעדאַקציע, איז סאַכאַטשעווסקי געפאָרן אויף אַ באַזוך קיין רוסלאַנד, און דאָרטן מיטגעאַרבעט אין: „היינט“, „מאָמענט“ און אויך אַרויסגעגעבן פאַרשידענע ביכער: לידער און דערציילונגען און זיך געשאַפן זיין באַשטימטן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ דאַנק זיין סטיל פון וועלכן עס פליסט אַ גרויסער אוצר מיט פאַרביקע ווערטער, — וועלכע דריקן אויס זיינע געדאַנקען און געפילן, כאַאָס און האַרמאָניע.

און ווי יעדער וואַנדערנדיקער זוכער, — וואָס איז פון זיין גורל פאַרמשפט געוואָרן: אייביק צו זוכן און צו וואַנדערן, איז אויך סאַכאַטשעווסקי אויף זיין איינזאַמען וועג געשטרויכלט געוואָרן... זיין פריער נע ונדער לעבן האָט

שטענדיק געבענקט נאָך אַ תיקון און רו — בעת אין זיינע לידער האָט עס אים תמיד געצויגן צו דער איינזאַמער נע־ונדקייט... און ווען ער האָט געהאַט דאָס גליק אַז זיין נע־ונדער לעבן זאָל זיך צונויפטרעפן מיט זיין אומרואיקן ליד, האָט ער געפייערט די גרויסע שמחה פון איינזאַמען גזואנג...

מ'קאָן נישט זאָגן אַז סאַכאַטשעווסקי'ן איז ביז היינט שוין אינגאַנצן געלונגען צו געפינען דעם גרויסן זין, די פולע האַרמאָניע, אויף צו קאָנען געשטאַלטיקן דאָס גיגאַנטישע ווערק נאָך וועלכן עס גאַרט אַזוי זיין נשמה...

דער שרייבער פון די שורות זוכט זיך טאָפּלט אויסצוהיטן פון איבערשאַצונג, אָדער אונטערשאַצונג מחמת דער בעל היובל געהערט צו די אינטימסטע יוגנטפריינט זיינע... און עס איז באמת נישט פון די גרינגע זאַכן צו פאַרבלייבן 100 פּראָצענטיק אָביעקטיוו בעת מ'שאַצט אָפּ אַ נאָענטערן חברס שאַפונגען. אָבער וואָס עס איז יאָ מעגלעך איז, — שטאַרק זיך צו קאָנטראָלירן און אויסהיטן זיך פון חניפות און גוזמאות. ווייל די וואַרהאַפטיק געלונגענע ווערק באַדאַרפן דאָס אַלעס נישט, און די נישט געלונגענע ווערק העלפט דאָס אַלעס נישט...

הגם סאַכאַטשעווסקי'ס נאָטע איז אָפּטמאָל אַ גרויליך מאַנאָטאָנע — איז זי אונדז אָבער פאַרט היימיש נאָענט און פשוט ליב ווי דאָס יידישע לעבן גופא...

סאַכאַטשעווסקי'ס נשמה האָט זיך שוין אויך נישט איינמאָל פאַרלוירן וואַכנדיק, — אַנשטאָט פונעם זוכן עפּעס אַרויסצוגעפינען... מחמת דאָס ליגט שוין אין דער טבע פון די אייביקע זוכער. זיין לעבנסקוק איז אַ דורכאויס רעאַליסטישער, הגם זיינע סענטענצן זענען אָפּט געפאַרבט מיט מיסטישע ראָמאַנישע עמאָציעס... אינסטינקטיוו זוכט זיך זיין פאָלקטימלעכקייט נישט נאַציאָנאַליסטיש צו געשטאַלטיקן, — נייערט להפוך: זיין נאַציאָנאַליזם זוכט תמיד זיך פאָלקסטימלעך צו פאָרמירן... נישט פאַרגעסנדיק אַז דער יידישער פּראָגרעס און די אמתע יידישע פאָלקומע גאולה, — ליגט סוף כל סוף טיף פאַרוואָרצלט מיטן פּראָגרעס און דער גאולה פון דער גאַנצער מענטשהייט... אין כמעט אַלע סאַכאַטשעווקישע לידער און פּאָעמעס פילט זיך דאָס אייביקע ווילן אַנטלויפן פון דער גרויער לעבנס־מאָנאָטאָניע, און פסיכישן גליוער וועלכער האָט אים תמיד אַזוי אומרואיק געמאַכט...

און אויך ווי יעדער קינסטלער האָט ער זיך אויך געמוזט ראַנגלען מיט פאָרעם און אינהאַלט, מיט קלאַנג און פאַרב, מיט ניגון און וואָרט, מיט אימפּרעסיע און עקספּרעסיע און געזוכט פון זיין אייביק אומרואיקע נשמה די האַרמאָנישע רו אַרויסצופּערלען... ווי אַ סך קאָמפּליצירטע וועזנס דערגרייכט אויך סאַכאַטשעווסקי זיין רו נישט אַלעמאָל נאָר אין געפינען, נייערט אויך אין דעם זוכן...

אָבער דער דראַנג און די בענקשאַפט אַליין — מיט וועלכער עס זענען באַפליגלט אַ סך לידער זיינע, נאָך דער גרויסער דערגרייכעניש — פון דעם אמתן זין פון: שיינקייט, ליבע און גערעכטיקייט מיט דער פרייהייט אינעם מענטשלעכן לעבן; איז אַליין אויך שוין נישט קיין קליינע דערגרייכונג אינם



לעבן פון אַ קינסטלער...

דינענדיק צוויי געטער — דעם זשורנאַליזם און די פּאָעזיע, איז קלאָר אַז דאָס לעבן פון בן א. סאַכאַטשעווסקי איז שוין דווקא גאָרנישט קיין לייכטס... מחמת דאָרט ווו מען דאַרף צו זיין — נישט טענדענציעז, אָביעקטיוו און נייטראַל, ווערט מען אָפּט געצוווּנגען: טענדענציעז, סוביעקטיוו און פּאַרטייאיש צו זיין...

אָבער דער זשורנאַליסטישער לעבן מיט אַלע זיינע שאָטן־זייטן, פאַרמאָגט אויך אַ געוויסע מאָס ניכטערע העלקייט אין זיך, — און טאַקע די העלע ניכטערקייט האָט אויך אַ גוטע פעולה אויף דער דיכטערישער אַנטוויקלונג געהאַט. ווייל זי האָט אים תמיד געצוווּנגען וואַכזאַם צו זיין, און מיט דער שטרענגסטער אויפמערקזאַמקייט זיך צוצוהערן: צו אַלע יידישע און וועלטלעכע סאָציאַל־פּאָליטישע און קולטורעלע פּראָבלעמען וועלכע זענען געוואָרן אַקטועל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן...

און נישט בחינם איז סאַכאַטשעווסקי אין לאָנדאָן געקרוינט געוואָרן מיט דעם טיטל: „מייסטער פונעם באַריכט". אָבער אויך נישט אומזיסט האָט אים אברהם רייזען אָנגערופן: „ווירטואָז פון געגראַמטן וואָרט". (געמיינט דערמיט זיין פּאָעמע למד*) נאָר דאָס כאַראַקטעריסטישסטע אין בן א. סאַכאַטשעווסקי'ס שאַפן איז — דאָס וואָס ער זוכט קיינמאָל נישט צו גיין: „דעם וועג פון רעכטס אָדער לינקס". נאָר זיין אייגענעם וועג... און זאָל דערפאַר בן א. סאַכאַטשעווסקי צו זיין 60 יאָריקן יובליי דערמונטערט און געשטאַרקט ווערן מיט נייע כחות, — ער זאָל קאָנען ווייטער וואַנדערן אויף זיין ווייטן וועג און אַזוי לאַנג זוכן — ביז ער וועט געפינען די אמתע אוצרות פון זיין דיכטערישער נשמה...

## הרב הדיין ר׳ צבי מאיר לאזארוס

### איבער דער דראַמע „דער משפט" פון מאָריס קאַץ

אינם טאָג פון תענית אסתר האָב איך גראָד געהאַט אַ שעת הכושר אדורכצולייענען די דראַמע „דער משפט". איך מוז באַטאָנען, אַז אין אַזאַ שעת הכושר, אין אַ מגלת אסתר שטימונג, איז דאָס ווערק „דער משפט" געווען פּאַסיק און מעינא דיומא, און האָט מיר פיל פאַרגעניגן פאַרשאַפט.

די קינסטלערישע טעאַטער האַנדלונג, דער קורצער קלאָרער און שאַרפער אַנטוואָרף פון דער טעמע, פון די כאַראַקטערן און די פּערזענלעכע געפילן פון די פאַרשידענע פּערזאָנען, די געוויסנהאַפטע ווידויים פונם מאַן און זיין פרוי, די צוויי פאַרברעכער, און די איידלקייט פון רעליגיעזער עקסטאַז פון דעם פאַרמשפּטן און פונם כומר, דעם גייסטלעכן שוואָגער זיינעם, אַט די אַלע פּיגורן זיינען שיין, איידל און אַקטועל, ווי בימים ההם בזמן הזה.

אויך אין המנ'ס־צייט, האָבן אַ סך פון די שונאי ישראל חרטה געהאַט נאָך

דער מפלה פון המן ובניו און זיינע נאָכפאָלגער, אַזוי אויך היינט, אַז היטלער ימח שמו און זיינע נאָכפאָלגער ווערן נאָך היינט־צו־טאָג געמשפט, האָבן אַ סך פון די פאַרברעכער אַ ביטערע חרטה, אַ פלאַגנדיק געוויסן מיט ביטערע חלומות.

מיר בני ישראל, רחמנים בני רחמנים טראָגן זיך ניט אַרום מיט נקמה געפילן. מיר זאָגן: אל נקמות ה׳ אל נקמות הופיע, הנשא שופט הארץ, השב גמול על גאים. (תהלים קאַפּיטל צ״ד). די שונאי שראל זענען זער גוט באַהבנ׳ט אין דעם קאַפּיטל, אָבער זיי שטומען, און אנדערע בעלי תשובה שטימען פריינדשאַפט און זענען יוצא מיט אַ קרעכץ.

מיט ערנסט שלאָג איך פאָר, אַז די דראַמע „דער משפט״ זאָל איבערזעצט ווערן אין ענגליש און אין עברית. ס׳איז כדאי אַז אונזערע יוגנט זאָלן זיין ביכולת צו פאַראַנשטאַלטן אַזוינע פאָרשטעלונגען אין די קרייזן פון אונזערע יוגנט סאָסייעטיס, וואָס זוכן אַזא מאַטעריאַל צו קענען זיך און אנדערע מהנה זיין.

---

## „געשעפטן אָן פרנסה״...

(אַ נייע אַקטועלע קאָמעדיע פון ש. י. דאָרפזאָן)

דאָס לאָנדאָנער יידישע טעאַטער „גרענד־פּאַלעי״, וועט נאָך פסח אויפפירן אַ נייע מוזיקאַלישע קאָמעדיע „געשעפטן אָן פרנסה״ פון ש. י. דאָרפזאָן (הארענדאָרף).

די פּיעסע, וועלכע פאַרמאָגט 3 אַקטן (זעקס בילדער), — איז אַ נייער פּאַרמעסט אין יידישן טעאַטער. דער ערשטער אַקט (2 בילדער), שפּילט זיך אָפּ אין לאָנדאָן; דער צווייטער אַקט (2 בילדער) אין ישראל און דער דריטער אַקט (2 בילדער) אין ... הימל אין הונדערט יאָר אַרום.

לויט דער מיינונג פון מאיר צעלניקער, וואָס וועט אויפפירן די פּיעסע און שפּילן די הויפּט ראָלע פון דעם מעקלער „מנחם מענדל״, וועט דאָרפזאָנס נייע קאָמעדיע האָבן אַן ענלעכן מאָראַלישן און מאַטעריעלן דערפאָלג, ווי עס האָט געהאַט זיין ערשטלינג פּיעסע „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע״, וואָס איז געוואָרן געשפּילט אין לאָנדאָן און אויף דער ענגלישער פּראָווינץ 35 וואָכן ביי אויספאַרקויפטע הייזער.

די פּיעסע פאַרמאָגט אַ פּערסאָנאַזש פון 21 אָנטיילנעמער און אַ צאָל מאַסןסצענעס (ספּעציעל אין דעם צווייטן אַקט, וואָס שפּילט אין ישראל), איז רייכהאַלטיק מיט יידישע פאָלקס ניגונים, וואָס ווערט געשריבן ספּעציעל פאַר דער אויפפירונג פון דעם מוזיקער פיל בערנשטיין.





## לכבוד דעם בעל־יובל נייטן ביטלער

צו זיין זעכציק־יאָריקן געבורטס־טאָג

נ. ביטלער דער פאָלקס־מענטש, וועמען אַ טייל ליבן פאַר זיין ענערגיע, אַ טייל שעצן אים פאַר זיינע דערגרייכונגען און אַן אַנדער טייל, ביי וועמען דער סאָציאַלער חוש ווערט מער אויסגעטייטשט אַלס מיטל פאַר אַ צוועק, שילט און וואַרפט אַ שטיין פון אַ באַהעלטעניש — אָט דער זעלבער נייטן ביטלער, איז אין די לעצטע צען יאָר אַרויסגעשווומען אין דער עפנטלעכקייט מיט דעם אימפּולס פון אַ יונגלינג און דינאַמיק פון צען אין זיינע יאָרן צוזאַמענגענומען און באַוויזן אַז מען דאַרף נאָר וועלן איז די כוונה גענוג שטאַרק און אַלץ וואָס ס׳ליגט נאָר אין מענטשלעכן כח, קאָן דערגרייכט ווערן — ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער „ניי־יידישער טעאַטער״.

שטרויכלונגען זענען געווען אַ סך, אָבער דאָס אַלץ זענען דאָך געווירצן, וועלכע העלפן שאַפן אַזעלכע געשטאַלטן וועמען מען שילט און מען בענטשט אין איין צייט: זיי זענען עס די פאָלקס־מענטשן וועמענס הערצער עס זענען אָפּט מאָל ברייטער ווי זייערע מיטלען, מיט וועלכע זיי מאַכן זיך אַ נאָמען ביי זייער לעבן צוליב די אינסטיטוציעס, וועלכע זיי העלפן שאַפן און פלעגן, אַפילו ווען עס מיינט אַמאָל אַנטוישונג און האַרץ־ווייטאָק, ווייל ניט אַלע מאָל געשטאַלטן זיך זייערע ווינטשעוואַניעס ווי זיי האָבן אויף אַן אמת געחלומט אַז זיי זאָלן זיין...

אָבער לאָמיר גיין כסדר, כדי דער לייענער פון די שורות, זאָל קענען האָבן אַ גענוי בילד ווי אַזוי עס איז אין לאָנדאָן געשאַפן געוואָרן אַ פּרעכטיקשיינער יידישער טעאַטער און מיט וועלכן עקשנות און מסירת־נפש — דאָס איז דער טעאַטער וווהין עס זענען פאָרפאָרן אַזעלכע קינסטלער־געסט פאַר זייערע גאַסט־שפּילן ווי בולאָוו און קאַדיסאָן — דינה האַלפּערן — אידא קאַמינסקע — הענריעטאַ און דזשוליעס אדלער — גראָסמאַן און דיינאַ גאָלדבערג — מיכל ראָזענבערג — פּסח׳קע בורשטיין און ליליען לוקס און ליאָן פוקס.

און דאָס איז דאָך ניט געבוירן געוואָרן איבער נאַכט — עס איז געווען די פאַרטראַכטונג, די „שוואַנגערשאַפט״ און דער „האָבן״ היינט די „ווייען״ און דאָרט ווו אַזעלכעס איז פאַראַן, איז דאָך אויך דאָ די „נאָך־ווייען״... און סתם שטרויכלונגען און צוטשעפּענישן, וועלכע שטערן אויף יעדן טריט, אויב עס הערט אויף צו דינען אַן אייגענעם צוועק.

* * *

אין 1941 איז עס געווען, ווען אויף דער איניציאַטיוו פון א. נ. שטענצל איז פאַראַנשטאַלטעט געוואָרן אַן הזכרה אין אָנדענק פון זיין פריינט דעם באַגאַבטן שוישפּילער וואָלף זילבערבערג ז״ל. עס איז געווען אויף יענער פאַרזאַמלונג, ווען פון שטענצלען איז געוואָרפן געוואָרן דער געדאַנק אַז עס מוז גע־

שאַפן ווערן אַ פאָלקס־הויז און ביים הויז אַ שיינער יידישער טעאַטער. איז די אידייע זיינע אויפן אַרט אויפגענומען געוואָרן פון צוויי פיגורן — נייטן ביטלער, וועלכער פערסאָניפיצירט דעם פאָלקס־מענטש מיט אַלץ וואָס ער רעדט און טוט און דער דינאַמישער שוישפילער מאַרק מאַרקאָוו. זיי האָבן עס — און אַ קליינע גרופּע אַרום זיי! — דעם ערשטן קערנדל פאַרזעצט, געניאַנ־טשעט און געפלעגט עס פאַר גאַנצע צוויי יאָר.

דעם 19־טן אָקטאָבער, 1943, אין דער מיט פון די „בליצן" איז די פאָלקס הויז געשאַפן געוואָרן און ביים הויז דער צייט־ווייליקער „ניי־יידישער טעאַ־טער" (ווייל דער אייגענער בנין האָט געזאָלט נאָכפאָלגן) אונטער דער אָנפירונג און קינסטלערישע לייטונג פון דעם שוישפילער מאַרק מאַרקאָוו מיט דער מיט־ווירקונג פון זיין פרוי די טאַלענטירטע שוישפילערין עטאַ טאָפּעל, וועלכע דרך אגב, שפּילן שוין אין לאָנדאָן אָן אונטעררבעכונג דעם צענטן יאָר און מיט גרויס דערפאָלג.

אַלס ערשטע פּרעמיערע האָט מאַרקאָוו געשטעלט שלום אַש'ס „אַנקל מאָזעס", וועלכע איז, הגם מיט באַשרענקטע מיטלען, געשפּילט געוואָרן מיט פּאַרנעם און גרויסן דרך ארץ פאַר דעם שיינעם קינסטלערישן יידישן וואָרט, אָבער די יידישע אינטעליגענץ האָט געשוויגן.

עס האָבן דאַן נאָכגעפאָלגט אַ ריי פּרעכטיק־שיינע אויפפירונגען ווי: „מאָטקע גנב"; „ווילנער באַלעבעסל"; „גרינע פעלדער"; „דער פּאָטער"; „מאַדאַם עקס"; „אוריאל אַקאָסטאַ"; „גאָט, מענטש און טייוול"; „קרייצער סאָנאַטאַ"; און „די שיינע מרים" פון אונזער לאָנדאָנער באַוווסטן שוישפילער און דראַמאַטורג יאָזעף מאַרקאָוויטש (טעמע ענטנומען פון יעקב גאָרדאָן), אויך די מוזיק צו דער גלענצענדער אָפּערעטאַ איז געשאַפן געוואָרן פון דעם זעלבן שוישפילער און מחבר.

מאַרק מאַרקאָוו האָט צו יענער צייט געמאַכט אַ קליינעם איבעררייס און אין זיין אַבוועזנהייט איז אויך געשטעלט געוואָרן עטלעכע גאָר געלונגענע פּיעסן ווי „דער גאָלדפאַדן חלום" איבערגעאַרבעט פון דעם דיכטער איציק מאַנגער און רעזשיסירט פון דעם קינסטלער יצחק ראַטנבוים. די צווייטע פּיע־סע „שיילאָק" רעזשיסירט פון דעם ענגלענדער מר. עטקין (אין דער יידישער איבערזעצונג), ווערנדיק נאָכגעפאָלגט פון „די דריי מתנות", מחבר י. ל. פּרץ, אויך איניקע באַאַרבייטע גאָלדפאַדן דראַמעס.

אָבער די יידישע אינטעליגענץ אין לאָנדאָן איז אַלץ געבליבן פון דרויסן און עס איז טאַקע געווען אָט דער עלעמענט אין וועמעס מאָראַלישע שטיצע דער טעאַטער האָט זיך גענייטיגט און דאָס וואָלט דאָך אייגנטלעך געווען די שטויס־קראַפט וואָס האָט געקאָנט דעם טעאַטער פאַרוואַנדלען אַלס אַ קונסט־טעאַטער אין פולן זינען פון וואָרט און ס'איז ניט געשען.

אָבער דער „ניי־יידיש טעאַטער" עקזיסטירט דאָך און לעבט און אָטעמט מיט אַלע חושים פון אַ יידישן פאָלקס טעאַטער, וועלכער איז שוין געוואָרן אַ „לאַנד־מאַרקע" אַפילו ביי די שוישפילער־משפחה אין אַמעריקע און אַנדערש־



וו. עס זענען געווען אָט די צוויי ענערגישע מענטשן נייטן ביטלער און מאַרק מאַרקאָוו, וועלכע האָבן פאַרצעמענטירט די אידייע פון וועלן האָבן אַן אייגע־נעם בנין און ער איז דאָ. עס עקזיסטירט דער שיינער „עלעקס", אָדער „דער ניי יידישער טעאַטער" וווּהין עס קומען די יידישע מענטשן ווי צו זיך אין אַן אייגענע היים — עס איז זייער טעאַטער, דער טעאַטער פאַר יונג און אַלט.

עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן אַז נעבן נייטן ביטלער איז אויך די גאַנצע צייט געשטאַנען דער קאָ־דירעקטאָר וו. קאָסאָף, וועלכער האָט אָן ספק אַ סך מיטגעהאָלפן צו דער שאַפונג פון דעם אייגענעם בנין און וועמען עס ווערט איצט אויסגעדריקט אָנערקענונג.

אָט אַזוי ווערן געבוירן פיגורן, וועלכע גאַנץ אונבאַוווסטזיניק מאַכן זיי זיך נעמען ביי זייער לעבן דורך זייערע דערגרייכונגען לטובת הכלל, ווייל די געלטער וועלכע ווערן אינוועסטירט, גייט פאַר דעם טעאַטער.

מעג דערפאַר אונזער בעל יובל נייטן ביטלער נאָך בלייבן מיט אונז אַ סך יאָרן און שאַפן און דערגרייכן — שיין יידיש טעאַטער ווי ער האָט עס אויף אָן אמת געחלומט אַז ער זאָל זיין.

## געזעגן-אָוונט פאַר חבר י. ש. טויבש און מאיר ניסענבוים

שבת, דעם 5־טן יאַנואַר, האָט „פריינט פון יידיש לשון" איינגעאָרדנט אַ געזעגן־אָוונט פאַר אונזער פריינט און געוועזענער קאָמיטעט מיטגליד פון „פריינט פון יידיש לשון" איינער פון די רעציטאַטאָרן פון די ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס, מאיר ניסענבוים, פאַר זיין אָפּפאָרן קיין ניו יאָרק. שבת, דעם 12־טן פאַר דעם שרייבער י. ש. טויבש, וועלכער האָט דאָ געוווינט איני־קע יאָר און דאָ ארויסגעגעבן איניקע ביכער מיט פּאָעזיע און עסייען. חברים און קאָלעגן האָבן באַגריסט פריינט טויבש צו זיין אָפּפאָרן און געגעבן אָפּ־שאַצונגען איבער זיין שרייבערישע טעטיקייט.

פון די באַגריסונגען איבער ניסענבוימען דרוקן מיר דאָס ליד פון זיין פריינט איזיק גאָלדבערג.

---

## איזיק גאָלדבערג

### דער יידישער וואַנדערער...

(געווידמעט מיין פריינט און חבר מאיר ניסענבוים, צו זיין אָפּפאָר פון לאָנדאָן נאָך אַמעריקע)

מיר וואַנאַדערן, וואַנדערן... און קומען אומעטום צוזאַמען.
פונקט אַזוי ווי מיט יאָרן צוריק.
מ'וואַנדערט פון לענדער, מ'וואַנדערט פון דאַנען.
יעדער זוכט אין דער וועלט זיין גליק.

דער שטעקן דער אלטער, ער איז אונדז פארבליבן,
ער איז אונדזער טייערסטער פריינט...
ער פירט אונדז אין וועגן, ער פירט אונדז פארשידן
און ווייזט אונדז דעם „מאָרגן" צום היינט.

דער שטעקן ער שטיצט און טרייבט אונדז צוגלייך
פון לאנד צו לאנד, אָפטמאָל געשווינדער,
ער פירט אונדז אין וועגן, אויב אָרים, אויב רייך,
צו נייע און אלט־נייע לענדער...

אַזוי וואַנדערן מיר און ווערן נישט מיד,
מיר מוזן דעם גורל שווער טראָגן.
זיינען מיר מענטשן?... זיינען מיר „ייד" ?!..
דאָס קאָן מען אליין נאָך נישט זאָגן.

ס'דרייט ווי אַ קרייז זיך ס'לעבן אַרום אונדז,
און מיר אין דעם „קרייז" מיט אין דרינען...
מיר זיינען פארפלאָכטן דורך שאפן, דורך קונסט,
מיר וועבן געמיינזאָם און שפינען.

טיף זיינען די וואָרצלען פארפלאָכטן צוזאַמען,
פאַרוואַקסן, זייט טויזנטער יאָרן.
קיין ווינט, קיין שטורם! איז נישט פאַראַנען
וואָס זאָל קאָנען אונז מאכן פאַרלוירן.

און טוען די שטורעמס ווען פאַרטרייבן,
אין אַלע וועלטס־עקן פאַריאָגן,
מיר יידן פאַרבונדן, וועלן שטענדיק פאַרבלייבן,
דאָס וועלן מיר יעטוועדן פריי זאָגן!

ווייל פעדים געהיימע, וועבן צוזאַמען,
בינדן אונדז אלס מענטש און אַלס ייד.
נאָך איז אַ לעבן אין אונדז פאַראַנען,
מיר שטייגן, און ווערן נישט מיד!

* * *

און האָבן די שטורעמס ווען פארטריבן?
קיין חלוק, אין וועלכן „דאָרט"!
דאָך זיינען מיר ווייטער די זעלבע פאַרבליבן,
געוועקסלט האָט בלויז זיך דאָס אָרט!...





חוה ראָזענפאַרב אויף אַן אָוונט לכבוד איר אין לאָנדאָן

## די דיכטערין חוה ראָזענפאַרב

חוה ראָזענפאַרב'ס באַזוך אין לאָנדאָן איז ממש געווען אַ טריומף־צוג בזער אנפין. „פריינט פון יידיש לשון" האָט איינגעאָרדנט פאַר איר אַ גרויסן באַנקעט און זי איז אויך פייערלעך אויפגענומען געוואָרן ביים שבת נאָכמיטאָג און ביים יידישן זשורנאַליסטן פאַראיין. אויסער דעם האָבן זיך נאָך אויפגענומען די בונדישע גרופן ביי די פאַרשידענע געלעגנהייט. פאַר איר אָפּפאָרן האָט נאָך משה עובד דער אַרויסגעבער פון אירע ביכער „די באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד" און „דאָס ליד פון קעלנער אבראם", איינגעאָרדנט אַ פאַרלעזונג פאַר דער דיכטערין אין וועלכן עס האָט זיך, צווישן אנדערע, אויך באַטייליקט די באַקאַנטע זינגערין חנה מעצקער.

## גיבער אן עקאנאמישע דערפארונג...

איז אַ וואונדער, אַז דאָס יידישע פּאַרטיי לעבן ביי אונז דאָ, אין לאנדאן, איז אַזוי גייסטיק מאָגער און אויסגעדארט, אַזוי געזעלשאפטלעך ראכיטיש און שטייט אויף הינערשע פיסלעך, אז מען נערט זיך בסך הכל מיט לויטער ערזאץ־מיטלען? און ווי דער שטייגער ס'איז ביי די ערזאץ־מיטלען, טראגן זיי וויטאמיניש קלינגענדיקע נעמען: „חיינו", „לשונינו", „דרכנו" א.א.וו.

און נישט נאר די לינקע שבאלינקע ציוניסטישע פּאַרטייען האבן שוין זייערע ענגלישע ארגאנען, נאר אפילו די יידיש־קאמוניסטישע סעקציע האלט אויך שוין פון כלל פון ענגליש אוי (נישט או) עברית; שלעכט ערנערטע קריגן אויסגעקרימטע פיס, קריגן די ענגלישע קרענק, רחמנא לצלן —

עס ווילט זיך זיי, די ארויפגעארבעטע זאטע שניידער־מייסטערס און בייכיקע בייטל־מאכערס, זען זייערע „פיקטשערס" און זייערע נעמען מיט ענגלישע אותיות! וואָס, איז זייער נשמה פון קלאַטשע, איז זייער פּונט אַ ממזר, פארוואס זאָלן זייערע נעמען בעולהטער זיין ווי פון די בירגערלעכע מעצענאטן?... איז נאטירלעך, אַז פּאַרטיי־מיטגלידער, וועמען עס גענוגט נישט אזעלכע תציל־ממות־אַפגעקלאַפטע השענא־בלעטלעך און אליין איז מען צו שוואַך און אימפּאַטענט צו אַן אייגענעם אָרגאַן אין יידיש, אימפּאָרטירט מען אים מעבר לים.

האָבן דאָ ביי אונז אין לאָנדאָן די פאַריזער יידישע צייטונגען זייערע אַגענטן און פיליאַלן, זייערע אַבאָנענטן־און פונדן־זאמלער. איז מהיכא תיתי! טאקע, פאר וואס זאלן נאר גיין לאנדאנער פונטלעך נאכן רייכן אמעריקע, פארן „אמעריקאנער", ווייל דעם יידישלעך באלעבאטישן לייענער גענוגט נישט די לאנדאנער ארימע פרעסע. (אין יידיש) איז שוין טאקע ביליכער אז די פונטלעך גייען אין נצרכדיקן פאריז פון יידישע פּאַרטיי מיטגלידער, וועמען זייערע אָרעמע ענגלישע פּאַרטיי צייטונגען גענוגענען נישט, זיינען קיי און שפּיי.

אין פלוג קאָן עס אפשר אביסעלע אַרן אַ פּאַטריאָט פון לאָנדאָנער יידישן יישוב! אָבער, אז מען זעט דאָס פּאַרטיי געהעץ פון די פאַריזער צייטונגען, כמעט פון אלע זיי, איינע קייגן די אנדערע, טאג איין טאג אויס גאנצע קאלומנען, גאנצע פּראַנט זייטן מיט פּאַסקוויל לייטאַרטיקלען, טראַכט מען זיך: יוצא! מוז מען טאקע ערשט האבן אייגענע ארגאַנען כדי צו מאכן די טומלען אין וואַסער־גלעזער? יוצא מיט פּאַריז. האָט אייך יעדן חודש דעם אַבאָנענט אַפּצאָל און קאָכט זיך שוין פאַר אונז, זייט אונז מוציא.

„פריינט פון יידיש לשון"־מיטגלידער, די מהדרין מן המהדרין, בכדי יוצא צו זיין לכל הדעות האלטן אלע דריי טעגלעכע פאַריזער צייטונגען, ראשית ווילן זיי באַווייזן דערמיט זייער איבער־פּאַרטיילעכקייט... והשנית טאָקע יוצא צו זיין, זיי זענען דאָך סוף כל סוף אויך יידן און די לאָנדאָנער יידישע צייטונגען איז— פאַר גאָט און אַלטע לייט....

איז לעצטנס, האָבן „פריינט פון יידיש לשון", נישט אזוי זיי גופא ווי זייער אָרגאַן, וועלכער האָט קיין שום פּאַרטייאישער צי גאר געזעלשאַפטלעכע פּרע־



טענזיעס, געליטן אַ שטיקל עוולה און טאקע אין שיכות מיט אימפּאָרט עסקים.

דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור קאָנגרעס אין אמעריקע, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו קאָאָרדינירן און צו באַזאָרגן אלע יידישע ישובים אין דער גאָרער וועלט מיט א.ז.וו. א.ז.וו. און די צוריקגעקומענע דעלעגאַטן וועלכע האָבן געהאַלטן רעדעס און דערציילט פון א.ז.וו. אָבער צו אונז דאָ האָט פון דעם אלעם גוטן קוים דערגרייכט אַ פּאָר בוליעטינען, וואָס זאָגן אונז צו כל טוב און אלדעס גוטס, דאָס הייסט, דעם א.ז.וו. א.ז.וו.

איז ווידער מהיכא תיתי, זער פיין זער וויל; האָט אונז אָבער לעצטנס דער זייער פיין און זייער וויל אַפּגעקאָסט אַ פּאָר פונט און געהאַט האָבן מיר דערפון אַט וואָס — אַ פייג:

צווישן די בוליעטינען וואָס דער אלוועלטלעכער קולטור קאָנגרעס שיקט צו איז אויך אָנגעקומען אַן אַרטיקל איבער קונסט פון ליכטענשטיינען, האָבן מיר אים אויסגעזוצט בכדי אין קומענדיקן נומער „לשון און לעבן" אָפּצודרוקן. בינו לבינו קומט אייך אָן אַן ארטיקל פון לייוויקן איבער מנחם בארײשע האָבן מיר שנעל געכאַפּט און אויך אים געלאָזט אויסזעצן. איז איידער וואָס איידער ווען, איידער מיר דערלעבן שוין דעם סוף חודש, זיינען ביידע ארטיקלען אָפּגעדרוקט אין די פאַריזער טאָג־צייטונגען. איז דער ענין גאַנץ ריכטיק: אויף דעם שיקט דאָך אמעריקע ארויס דעם בוליעטין, אז אלע ישובים זאלן אים אָפּדרוקן! אָבער אז לאָנדאָן און פּאַריז איז היינו הך, אז די לייענער פון „לשון און לעבן" האָבן שוין די צוויי באמת וויכטיקע ארטיקלען געלייענט אין זייערע אימפּאָרטירטע פּאַרטיי צייטונגען — —האָבן מיר באַצאָלט דעם דרוקער די פּאָר פונטלעך און מיר זיינען געבליבן אָן די פונטלעך און אָן די ארטיקלען.

מיר האָבן חלילה קיין שום טענות נישט צום אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס, ווייל מיר האָבן שוין פריער געהאַט באַצאָלט אונזער לערן־געלט און ניט געלערנט: פּראַנץ קורסקי, שיקט אונז צו אַן אָפּצוג פון זיינס אַ וויכטיקן ארטיקל איבער ליעסין און וולאַדעק, און זעלבסט פארשטענדלעך מיר זעצן אים מיט פרייד תיכף אויס, אבער איידער מיר דערלעבן דעם סוף חודש און דעם ארטיקל לייענט מען שוין אין די לאָנדאָנער הייזער, אָפּגעדרוקט אין אַ פּאַריזער טאָג־צייטונג.

נאָך די דריי דערפאַרונגען זעען מיר ווידער איין, אז אונזער שיטה (כאטש מיר בלייבן ווייטער ווי געווען אומפּאַרטייאישלעך און איבער געזעלשאפטלעך!...) צו לעבן פון אונזערע אייגענע כוחות, — אויב אַ באַלאַנסירטער עקספּאָרט און אימפּאָרט איז אוממעגלעך, — איז דאָס, דאָס עקאנאמישסטע.

וואָס שייך די דריי טעגלעכע פאַריזער צייטונגען פון אלע פּאַרטייען און דעם אַלוועלטלעכן קולטור בוליעטין אין אמעריקע, בנוגע דאָס איגנאָרירן אונזער קולטור באַמיאונגען דאָ אין לאנדאן, לאָזן מיר איבער, — נישט זיין זייער פּאַרטייאיש און געזעלשאפטלעך געוויסן! — נאָר פאַר אַ קומענדיקן ארטיקל.

## געזעגן-אָוונט לכבוד משה עובד

אויפן באַנקעט אין יידיש אַרבעטער רינג, לכבוד משה עובד'ס נסיעה קיין ניו יאָרק, האָבן זיך פאַרזאַמעלט אַ גרויסער עולם פון „פריינט פון יידיש לשון“ צו זאָגן אַ פאַר געזונט זייער פּרעזידענט און אויך אַ סך פון די לאָנדאָנער יידישער שרייבער זענען געקומען זיך געזעגענען מיט זייער חשובן קאָלעגע. עס איז גראַד געווען אין דער נאַכט פון פורים און דער באַנקעט איז אַרויסגעקומען אַ טאָפּלטע פייערונג.

* * * * *

## יוסף האַלענדער אין לאָנדאָן

אין שליחות פון דער פּאַריזער טאָג-צייטונג „אונזער וואָרט“, איז אין לאָנדאָן געווען אַ גאַסט דער באַוווּסטער יידישער שרייבער און קולטור טוער יוסף האַלענדער פון פּאַריז, וועלכער איז דאָ, אין די קרייזן פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי אַרויסגעטרעטן מיט רעדעס וועגן נאַציאָנאַל יידישע קולטור פּראָבלעמען.

יוסף האַלענדער שרייבט אַרטיקלען און עסייען אין אַ זאַפטיקער יידישער שפּראַך און אין אַ גייסטרייכן סטיל. זיין אידעאַליזם דריקט זיך אויס אין אַ יידיש נאַציאָנאַלן גייסט. ער שרייבט אויך קריטישע אָפּשאַצונגען וועגן יידישער ליטעראַטור און יידישע שרייבער וואָס מאַכן אַ גוטן איינדרוק אין ליטעראַרישע קרייזן — יוסף האַלענדער איז דער מיט־רעדאַקטאָר פון „אונזער וואָרט“.

פ—ם.

## רעדאַקציע נאָטיץ

עס טוט אונז זער לייד, וואָס דער שוין אויסגעזעצטער גרעסערער ביבליאָגראַפישער נאָטיץ האָט געמוזט אָפּגעלייגט ווערן פאַרן קומענדיקן חודש, מחמת מאַנגעל אין פּלאַץ, און אויך איבער דעם זעלבן טעם, די פאָלגנדיקע אַרטיקלען: — „די פרייד פון יצירה“, פון ש. ערנסט און „יידישע אַרבעטער הילף קאָמיטעט“, פון י. ו. פּאָדאָלסקי; „קליינינקייטן“, פון מ. אלמאַן; „אַ זונטאָג אין אַרבעטער רינג“ פון מ. מינדל — די אַלע אַרטיקלען אין קומענדיקן מאַי נומער!

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס

(אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנאַרד סטריט א.1 — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 2־טן אַפּריל, — יידישער הומאָר.

שבת, דעם 9־טן טראַדיציאָנעל שבת־הגדול — שלמה אויערבאַך: שיר השירים און די הגדה.

שבת, דעם 16־טן די טראַדיציאָנעלע פּרץ־פייערונג צום 34־טן יאָרצייט פון אונזער גרויסן קלאַסיקער י. ל. פּרץ.

שבת, דעם 23־טן מלכות ישראל און תפארת הגלות.

שבת, דעם 30־טן, סאַטירע און משל אין אונזער מאָדערנער ליטעראַטור.




### אַ נייַ בוך פון אסתר קרייטמאַן

די באַקאַנטע שרייבערין אסתר קרייטמאַן, וועלכע האָט זיך אַ נאָמען געמאַכט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אירע צוויי ראָמאַנען „דער שדים טאַנץ“ און „בריליאַנטן“, גיט אַרויס אַ בוך דערציילונגען מיטן נאָמען „אָטלעס“. דאָס בוך ענטהאַלט 14 גרעסערע דערציילונגען. מיט פאַרבאַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויף דעם פאָלגענדן אַדרעס:

E. KREITMAN,
56 Lordship Park, London, N.16.

„אין חדר אריין“ 5/-

„אין זכות פון די טענ“ 3/6

פון

### משה עובד

צו באַקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1

עפענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

שוין דערשינען

### „דאָס בוך פון לעסטערונגען“

פון לעאָ קעניג

אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלאַרן. פרייז 21 שילינג

דאָס בוך קען מען קריגן ביים „בּאָראַד פּרעס“, און בוך האַנדלונגען.

### „גלאָקן אין מדבר“

אַ נייער בוך פון ס. פּאַלמע. באַשטעלונגען פאַרויס ביים מחבר:

S. Palme, 193 Dalston Lane, E.8

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 5 (העפט 112) צענטער יארגאנג מאי 1949 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאלט:


| | | |
|---|---|---|
| ישראל ואוריתא וקב״ה חד הוא | ** | 1 |
| ארץ ישראל פאנאראמע | ד״ר. יעקב י. מייטליס | 4 |
| דער איינציקער אויסוועג (דערציילונג) | י. ביעטש | 9 |
| בויער, שרייבער און קעמפער אין מדינת ישראל | ש. ערנסט | 14 |
| נפתלי הערץ אימבער (פאטאגראפיע) | | 16 |
| י. ח. ברענער אין לאנדאן | שלמה אויערבאך | 17 |
| יוסף חיים ברענער (פאטאגראפיע) | | 18 |
| משה איבער הר נבוי, יארצייט-ליכטלעך, ירושלים (לידער) | א. נ. שטענצל | 22 |
| דורך פארפרעמדונג צו קריסטאליזירונג און סינטעז (עסיי) | לעא קעניג | 27 |
| בעווארן א טרעמפ (דערציילונג) | אסתר קרייטמאן | 32 |
| וואר און טרוים, נישט לעשט זיך אויס (לידער) | מאקס הערשמאן | 37 |
| מיין מאמע אין געסא (ליד) | יצחק ווינער | 38 |
| טונקלע טעג (דערציילונג) | א. מ. פוקס | 39 |
| חסידיזם אין דער ווירקלעכקייט | מ. ווילענסקי | 44 |
| „אין איראפע און ביי אונדז אונטערן אויוון״ | אליהו פאלושאק | 49 |
| „דער כהן״ פון יעקב אדלער (בילד) | | 53 |
| א בריוו פון משה עובד און א ראדיא רעדע אין ניו יארק | | 54 |
| דער כאר געזאנג | ס. פאלמע | 56 |
| „עפיזאדן און מאמענטן פון א לעבן״ | יוסף הלל לעווי | 57 |
| לייענען (עסיי) | יוסף לעסטאוויטש | 61 |
| א זונטאג אין ארבעטער רינג | מ. מינדל | 65 |
| די פועלי-ציון אין דער צייט פון דער היסטארישער פארווירקלעכונג | שמואל האלפערן | 67 |
| קליניקייטן | מ. אלמאן | 70 |
| יידישע ארבעטער הילף קאמיטעט | י. ה. פאראלסקי | 71 |
| דאס נייע יידישע טעאטער | א. מייזעלס | 73 |
| 1. י. ל. פרץ פייערונג אין 10 יאר י.ל.ש.נ.מ. | | |
| 2. 6־טער יארצייט פון אויפשטאנד פון ווארשעווער געטא | ש. | 76 |
| קולטור־ידיעות אין לאנדאן | | 80 |
| מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס | | 80 |


**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאנעמענט־פרייז: —19/6 פאר א יאר

אין אויסלאנד: —6 דאלאר א יאר

1/9 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע

„לשון און לעבן״, נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.

„די צייט״

געגרינדעט אין 1913 פון

מארריס מייער

די איינציקע יידישע צייטונג

אין ענגלאנד.

(בשעת דער מלחמה —

די איינציקע אין איראפע.)

ירושלים

לידער פאעמעס באלאדעס

א בוך .פון 140 זייטן

פון

א. נ. שטענצל

צו באקומען

אין אלע בוכהאנדלונגען

און ווייטשעפל

פרייז: 7 שילינג און 6 פענס

פראפאגאנדע-קאמיטעט

פון דעם

ארבעטער-רינג

22, עלי סטריט, אלדגייט, א.1.

יעדן דאנערשטיק 7.30 אוונט

און

יעדן זונטיק 6.30 נאכמיטיק

קומען פאר

אינטערעסאנטע באלערנדיקע

רעפעראטן לעקציעס

איבער וויכטיקע קולטורעלע פאליטישע

ליטעראַרישע און אלגעמיינע ענינים

ווענן אלע איינצלהייטן זיך צו ווענדן

צום גענעראל-סעקרעטאר:

ווער א מיטגליד פון ארבעטער רינג

די סוף־חודש זונטיקס פון

„פריינט פון יידיש לשון״ ביי „בן־אורי״

זונטיק 30־טן אפריל 8 אוונט

אין לאקאל פון

„בן-אורי״ קונסט גאלעריע

14 פארטמען סטריט וו.1.

משל און סאטירע אין דער

יינגער יידישער ליטעראטור

עס וועלן זיך באטייליקן מיט רעציטא־

ציעס און רעדעס:

איזיק גאלדבערג, י. ביעטש, אליהו פא־

לושאק, נעט רובין און דארא דימאנט

אריינפיר ווארט — א. נ. שטענצל

איינטריט פריי פאר מיטגלידער!

1 שילינג פאר נישט מיטגלידער

זיסע טיי און צובייסן

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*